STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08585

SHTUREMS UN REGNBOYGNS

L. Miler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שטורעמס און רעגנבויגנס

ביכער פון ל. מילער:

„אויף גאָטס וועלט" (לידער), 1919.

„אַבאַ", ראָמאַן (אין זאַמלבוך „שריפטן", 1920).

„מיסטער מענטש" (דראַמע אין ענגליש אין „פּאָעט-לאָר", 1929).

„דאָ איז מיין היים", לידער, 1939.

„בלעטלעך גראָז" פון וואָלט וויטמאַן (איבערזעצונג, 1941).

ל. מילער

שטורעמס און רעגנבויגנס

לידער

איקוף פארלאג

L. MILLER

SHTUREMS UN REGNBOIGNS
(STORMS AND RAINBOWS)

Copyright 1948, by Louis Miller
New York, N.Y.

Published by Yiddisher Kultur Farband (YKUF), 189 Second Ave.
New York, N.Y. 400 **Printed in U.S.A.**

ס׳איז גוט צו זײַן — און איך בין דאָ

לעבן

לעבן —
ווי שיף־ברוך זינקט צום גרונט פון ים,
אַזוי פאַלט דער טויט אַריין אין דיינע טיפן
און פאַרשווינדט.
אַ פינטל מיטן אויג:
געווען — ניטאָ!
עס טוט דייַן אויבערפלאַך
זיך קוים אַ וויג, אַ בויג;
אַ הוידע, ווי אַ כוואַליע אינעם ווינט . . .
דאָס ביסל שוים פאַרשווינדט . . .
און ווידער ברויזן דיינע שטראָמען ווי געווען
און ווי שטענדיק רוישן דיינע כוואַליעס
מיט געלעכטער און געוויין . . .

לעבן —
עס איז דער טויט אַן אויגנבליק אַזאַ,
אַ בייזער טרוים:
געווען — און איז ניטאָ!
נאָר דו, נאָר דו,
ביזט אומעטום און אייביק דאָ!
ערד און הימל, גראָז און בוים;
דער פליענדיקער פויגל אין דעם רוים — ביזטו!
ביזט מענטש פון פלייש און בלוט,
וואָס ראַנגלט זיך פאַר גליק;
דו ביזט די האָפענונג, וואָס גלויבט און ווייסט
און היילט די בלוטנדיקע וואונד
און זאָגט כסדר צו און טרייסט;
און אויך דער אויגנבליק,
וואָס איז געווען און איז ניטאָ —
ביזטו! . . .

ס׳איז גוט צו זיין און איך בין דאָ

ס׳איז גוט צו זיין
און איך בין דאָ —
און דאָס איז גוט!
ווען דור נאָך דור האָט זיך געמיט
האָב א י ך געדוט.
א י צ ט רוען זיי
און א י ך גיי ווייטער מיט דער אַרבעט אָן.
און וואויל איז דעם,
וואָס ווייסט, אַז ער דאַרף טאָן —
און טוט!

עס טרעפט אין שפּעטער נאַכט,
עס שליסט דער שלאָף די אויגן מיינע צו.
איך ליג אין ווייכע אָרעמס פונעם שלאָף
און לאַך —
ער מיינט איך רו, און איך בין וואַך...
איך ליג און הער,
איך הער געבוי און הער צעשטער.
עס שפּאַנען שווער מיליאָנען טריט;
עס שטראָמט דאָס לעבן מיט געדריש און מיט געברויז,
פאָראויס.
עס שטראָמט און שטראָמט
און ווערט ניט מיד.

איך צייל ניט מיינע יאָרן,
מיינע טעג און נעכט.
איך מעסט מיין זיין דאָ,
לויט דעם ווערט פון אויפטו
פאַרן מענטשנס רעכט,
פאַרן מענטשנס גליק, דאָ אויף דער ערד.

כוחות האָב איך מיטגעבראַכט גענוג
און ליבע צו דער אַרבעט וואָס איך טו.
ניט איך מעסט און ניט איך צייל
און מערער איך צעטייל,
אַלץ מערער קומט מיר צו.

עס איז מיין רעכטע האַנט פאַרוועבט
אין דעם וואָס איז געווען,
מיין לינקע האַנט —
אין דעם, וואָס וועט ערשט זיין.
עס לעבט אין מיר די פרייד און פיין
פון דורות פריער;
עס שלאָגט אין מיר דער היינט,
מיט קראַפט פון וואַסער־פאַל
און ס׳גייט שוין אויף אין מיר
דער שטראַל, דער ליכטיקער,
פון יענער זון,
וואָס וועט אין וויטן מאָרגן
שטראַלן איבעראַל.

מיר וועבן אַלע דאָס געוועב פון לעבן.
ווער עס וועבט געטריי און ערלעך,
ווי עס בליט דער בעז אין מאַי;
ווער עס פלאָנטערט נאָר און פעלשט
און ווער עס מאַכט נאָך אין געוועב אַ ריס;
קומען אַנדערע
צעפּלאָנטערן דעם פלאָנטער
און פאַרוועבן אין געוועב דעם ריס,
אַ שאָד נאָר,

וואָס ניט אַלע ווייסן נאָך,
ווי וואונדערלעך דאָס לעבן איז.

מיין טאָג איז לאַנג
און צייט האָב איך גענוג.
און ווייל איך גיי מיט צילבאַוואוסטן גאַנג
און איך באַנעם דעם זין און דעם באַטייט
פון מענטשנס פריי־זיין אויף דער וועלט
איז מיר די שווערסטע לאַסט ניט שווער.
עס איז אַ פרייד זיך איינצואוועבן
אין פיל־קאָלירנדיק געוועב פון לעבן
מיט יעדן טראָפּן בלוט.
איך ווייס: ס׳איז גוט צו זיין
און איך בין דאָ
און דאָס איז גוט!

ע ר ד

ערד, ביסט לעבנס זאַפט און קראַפט.
דו נעמסט אַריין דעם טויט צו זיך אין שויס
און וואַרעמסט אויס לעבן.
דו נערסט די רויז, די זאַנג, דעם בוים;
דו ביסט דאָס אייביקע געבורט
און אַלץ וואָס לעבט און א י ז,
זויגט פון דיינע פולע בריסט!

ערד,
מיר פליען אין די הויכן צו די הימלען,
נאָר שטענדיק קומען מיר צוריק.
מיר באַהעפטן זיך מיט דיר
דורך דעם באַריר פון אונדזערע טריט
אין טאָג־טעגלעכן גאַנג.
אין ריטם פון אונדזער ליד און טאַנץ
בסדר זיך הערט:
מאַמע, מאַמע, מאַמע־ערד!

דאָס ליד פון אייביק גוטן

דאָס גוטע גייט מיט מיר, וואוהין איך זאָל ניט גיין.
עס רעדט צו מיר און לאַכט פון פרייד און וויינט —
ווען איינער וואָלט געהערט, וואָלט ער געמיינט,
אַז כ'לאַך אַזוי און וויין און רעד צו זיך אַליין.

עס זאָגט מיר: גלויב, און זיי גערעכט, און מאַן!
דאָס שלעכטע, ווייס, גייט אום באַהאַלטן און פאַרשטעלט, —
נאָר דו זאָלסט גיין מיט פּנים אָפענעם צו גאָרער וועלט,
זיי גוט, און ווען מען טוט דיר בייז — גרייף אָן!

דאָס שלעכטס איז שרעקעדיק, נאָר כיטרע און ברוטאַל.
עס רויבט פאַר זיך און גנבעט אין־דער־שטיל, —
נאָר עס מאָנט דער גוטער, וואָס אים קומט און וואָס ער וויל,
און וואָס ער מאָנט פאַר זיך, דאָס מאָנט ער פאַרן כּלל.

דאָס גוטע וועט זיך קיינמאָל ניט באַרימען, אַז ס'איז שלעכט,
דאָס שלעכטע מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס'איז גוט...
דאָך ליגט דער אורטייל אין די מעשׂים, וואָס מען טוט,
און לעצטער זיג געהערט צו דעם, וואָס איז גערעכט.

דאָס גוטע גייט מיט מוטיק־זינגענדיקע טריט,
עס יאָגט פון וועג דאָס שלעכטע אין געוואַגטן גאַנג;
עס הערט זיך איבער גאָר דער ערד דאָס מוטיקע געזאַנג —
דאָס ליד פון אייביק־גוטן — דאָס זיגערישע ליד.

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה
פון תוהו־ובוהו, פון גאָט און באַשאַף,
דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה —
איך הער און איך גלויב און איך גאַף.

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה
פון ליבע, פון זינד און פון שטראָף.
אַמאָל גאָר דערציילט מיר דאָס לעבן
אַ מעשה וואָס האָט ניט קיין סוף.

דאַן גיי איך אַרום אַ פאַרבענקטער,
עס מיידט מיך די רו און דער שלאָף —
באַשאַף איך אַליין צו דער מעשה
אַ גוטן, אַ גליקלעכן סוף . . .

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה;
עס וועבט מיך, און שפינט מיך אַריין,
און כ'ווער אויך אַ טייל פון דער מעשה,
און כ'וועל שוין אויף אייביק דאָרט זיין.

איך בין אויך דעם לעבנס אַ מעשה,
פאַרוועבט אין דעם לעבנס באַשאַף, —
איך הער ווי דאָס לעבן דערציילט מיך —
איך הער און איך גלויב און איך גאַף.

גליק-לאַנד

עס דרייט זיך דאָס לעבן אין קרייזן
דאָך גייט עס כסדר פאָראויס,
אויפן שטענגל פון שטעכיקן דאָרן
ווי שיין עס צעבליט זיך די רויז.

מיר גייען צום גליק-לאַנד, מיר קומען!
נאָר ווייט, אוי, ווי ווייט נאָך צו גיין
צום „והיה באחרית הימים״,
איבער וועגן פון שפּיציקן שטיין . . .

דאָך זיינען מיר ווייט שוין פאַרגאַנגען
פון: „אַמאָל און אַמאָל איז געווען״,
און האָט נאָר ווער ליכטיקע אויגן,
דער קאָן שוין דאָס גליק-לאַנד דערזען . . .

דער אייביק-ליכטיקער שטראַל

(צום 70סטן געבורטסטאָג פון דעם באַליבטן למדן
און פאָרשער חבר קלמן מרמר)

וואָס איז דאָס אַזוינס אין אַ מענטשן,
וואָס מאַכט אים ביי יעדן באַליבט ?
איז עס דער בליק, צי אַ שמייכל,
אַ שטריך אַ באַליבטער אין געזיכט ?
וואָס איז דאָס אַזוינס אין אַ מענטשן,
וואָס חשיבות איז אַ טייל פון זיין איך ?

וואָס איז דאָס אַזוינס אין אַ מענטשן,
וואָס רופט דרך־ארץ אַרויס ?
ער רעדט, ווי די פשוטסטע ריידן
און ווערט דאָך פון יעדן באַמערקט,
ער טוט אַזוי שטיל און באַשיידן
און שאַפט פאַרן פאָלק זיינע ווערק.

וואָס איז דאָס אַזוינס אין אַ מענטשן,
וואָס היט אים פון קנאה אָפּ ריין,
וואָס גייט אין די וועגן פון לעבן
וואָס ער האָט געשוואוירן צו גיין ;
וואָס חברט מיט עלטער און יוגנט
און האָט אויך פוןביידן דעם חן.

עס איז דאָס ערלעכע און ריינע אין מענטשן
וואָס לעבט מיטן לעבן פון כלל ;
וואָס ציט צו די ליבע פון יעדן
ווי דורשט ציט צום לויטערן קוואַל, —
ס'איז דער אמת, דער יושר אין מענטשן —
דער אייביקער, ליכטיקער שטראַל.

מיר

מיר, מיר, מיר — דאָס לעבן זיינען מיר!
אַ, מיר אַלע, זיינען אָן אַ שיעור!
דער טויט — פאַרשפּילט, פאַרלירט,
ווייל מיר זיינען אָן אַ שיעור . . .
ווי צייט און רוים, ווי וואָר און טרוים —
דאָס לעבן אייביק זיינען מיר . . .

ווי רוישיק וואַסער שטראָמען מיר,
ווי פייגל אין די רוימען פליען מיר.
ווי די דערנער וואַקסן מיר,
ווי די בלומען בליען מיר, —
מיר צוזאַמען, אַלע מיר —
דאָס לעבן זיינען מיר! . . .

דער גוטער

(צו מיין גוטן פריינט שמאי)

ער נעמט די לאַסט אַראָפּ פון יענעם,
ער מיינט, אַז ער קאָן גרינגער טראָגן . . .
ער באַגריסט דעם פרעמדן,
אים דאַכט זיך, אַז ער קען — אים.
ער העלפט און גיט,
ווי ער וואָלט די גאַנצע וועלט פאַרמאָגן —
און אויב ער האָט נישט, באָרגט ער
און צעטיילט, —
קומט זיך איינער פאַר אים קלאָגן,
פאַרמאָגט ער אַזאַ וואָרט וואָס היילט . . .

ער רעכנט נישט און חשבונט נישט אין פריינטשאַפט,
ער זוכט פאַר זיך קיין נוצן ניט —
ער איז אַ פריינט, אַ חבר אַ געטרייער.
די זאָרג, די אייגענע, פאַרשווייגט ער,
יענעם הערט ער אויס געדולדיק.
דאָס גאַנצע לעבן צאָלט ער נאָר און צאָלט
און שעמט אַליין זיך מאָנען,
וואָס מ'איז אים שולדיק . . .

מען נאַרט אים אָפּ, מען נוצט אים אויס;
מען טוט אים ווי און ער געטרויט ווייטער . . .
מען לאַכט פון אים, מען רופט אים נאַר —
דאַן שמייכלען זיינע אויגן
מיט חכמה און מיט צער,
ווי פון ליידן אויסגעפרופט, געלייטערט.
ער ווייגט ניט ווען עס טוט אים ווי;
ער ווערט גערירט פון גוטע חברישע רייד
און ווען ער זעט, אַז דער גערעכטער זיגט,
צעוויינט ער זיך פון פרייד . . .

דאָס לעבן רעדט צו מיר

דאָס לעבן רעדט צו מיר
פון פרי ביז נאַכט, פון נאַכט ביז פרי
דורך מענטשנס שווערער מי און רו;
דורך בוימער־בלי און בלומען,
דורך גראָזן גאָלד און גרין,
דורך אַלץ וואָס וואַקסט און רייפט —
דורך פויגל־פלי און זשומען פון דער בין.

דאָס לעבן רעדט צו מיר די שפּראַך
פון יעדן לעבעדיקן מין,
וואָס פּאָרט און פרוכפּערט זיך
און טראָגט אין זיך דעם זאָמען פון געבורט, —
איך הער, ווי אונטער מיינע טריט עס זינגט די **ערד**:
לעבן — לעבן איז מיין נאָמען!...

דאָס לעבן זאָגט צו מיר אַזוי:
די שענסטע פּאַנאָראַמע, זוך אין דרויסן,
נישט אין לאַוווער.
דאָס פאַרגאַנגענע, ניט זוך אין וויטן וויט —
איך טראָג אין ז י ך דעם עבר
און כ׳בין די שפּעדיקסטע מאַמע,
וואָס איז שטענדיק „אויף דער צייט" —
יעדער ה י י נ ט איז מ י י ן געבורט
און דעם מ אָ ר ג ן וועל איך אויך געבוירן.

לערן זיך פון מיר, מיין קינד,
צו אונטערשיידן גוטס פון בייז

און זאָג — וואָס טויגן דיר די אוצרות,
וואָס ליגן וואו פאַרהוילן און פאַרבאָרגן,
אַז דו ווייסט אַפילו ניט די ווערט פון דעם
וואָס ליגט אַנטפּלעקט פאַר דיינע אויגן . . .

דאָס לעבן זאָגט צו מיר אַזוי:
פון זיפץ, פון קרעכץ, געוואוין זיך אָפּ . . .
דו טו און שאַף און שאַף און טו,
דעם שטיין פון וועג רוים אָפּ;
בוי־אויף דאָס הויז, צעגראָב די ערד,
דעם סם רייס אויס, פאַריאָג די וועלף,
און רופט דיך ווער צו הילף,
דאַן לויף און העלף! . . .
און ווערסטו מיד — דאַן מאַך די אויגן צו און רו.
און ווען דו שטייסט פאַרגאַפט
און שפּיגלסט זיך אין פרימאָרגנדיקן טוי,
און קוקסט פאַרחידושט צו, ווי רויט עס בליט דער מאָן
און שטוינסט: ווי שנעל עס בייטן זיך אין הימל די קאָלירן —
פאַרגעס זיך ניט, מיין קינד:
די וואָלקנס קענען שוועבן אָן דיין הילף
און אויף דער ערד איז דאָ אַ סך צו בויען און באַצירן . . .

דאָס לעבן רעדט צו מיר,
ווי עס רעדט אַ מאַמע צו איר קינד,
עס זאָגט מיר: ווייס,
עס איז אַזויפיל שלעכטס דאָ אויף דער ערד,
אַזויפיל ביין —
נאָר גוטס איז דאָ נאָך מער! . . .
דאָס שלעכטע גייט אום בלינד און שעלט.
עס שרעקט די וועלט און קאָן אַליין ניט שלאָפן דורך די נעכט.

דאָס גוטע, האַלט די אויגן אָפן
און עס ווייסט וואוהין עס גייט.

ידו זע דאָס פּנים ביי דעם שלעכטן,
ווי צעקרימט עס איז, ווי מיאוס!
דאָס פּנים ביי דעם גוטן, ביים גערעכטן
איז ווי זון, ווי פרייד־געזאַנג . . .
דאָס שלעכטע לויפט און לויפט צום אונטערגאַנג
ווי אַ בייזער כוח וואָלט עס טרייבן ;
דאָס גוטע, גייט מיט גאַנג מיט זיכערן
דאָ אייביק צו פאַרבלייבן . . .

דו ביזט מיין פֿאָלק ווי די פֿרייהייט – אייביק

דאָס לעבן ווײנט

עס ווײנט אין מיר מײן אײגן לײב, מײן פלײש און בײן,
דורך ווילד געררויש פון טאָג, דורך שטילע נעכט:
אין טיפן, מידן שלאָף אַפילו,
הער איך אַזאַ מוראדיק געוויין —
אַזוי־אָ, ווײנען, ווײנט דאָס לעבן נאָר אַלײן . . .

דאָס איז דאָס יאָמערן פון דעם לעבעדיקן מין,
געפאַנגען אין אַ ברענענדיקער שטײג,
דאָס ווײנט אַזוי דאָס מענטשלעך לײב, פאַרקלעמט,
צעדריקט אין בערג מיט שטאָל און בלײ און צין.
אַזוי באַווײנט אַ מאַמע אירע טויטע זין . . .

עס ווײנט אַזוי מײן פאָלק, זײן שטאָלץ פאַרשוועכט, געשענדט,
דאָס ווײנט אַזוי די ערד, וואו ס'האָט דער מענטש,
אַלײן זיך לעבעדיק באַגראָבן. —
דאָס ווײנט דער וואַלד, די שטאַמען — קויל־פאַרברענט,
ווי מענטשן גופים אויסגעשטעלט, מיט אָפּגעברענטע הענט.

עס ווײנט אין מיר, מײן אײגן לײב, מײן פלײש און בײן,
דורך ווילד געררויש פון טאָג, דורך שטילע נעכט,
אין טיפן מידן שלאָף, אַפילו,
הער איך אַזאַ מוראדיק געוויין. —
אַזוי־אָ, ווײנען, ווײנט דאָס לעבן נאָר אַלײן . . .

אַ באַלאַדע פון אַ שיף מיט יידן

ווער עס האָט דאָ אויף דער ערד אַ רייכן שלאָס, אַ פּראַכט,
און ווער עס האָט אַן אָרעם שטיבעלע פון ליים —
ווער עס לייגט זיין קאָפּ אויף קאַלטן שטיין ביינאַכט,
ווייל ער האָט אין גאַנצן ניט קיין היים;

נאָר ווי צו דעם, וואָס האָבן האָט ער היימען צוויי,
נאָר וואוינען, וואוינט ער ניט אין זיי.

פון איינער טרייבט דער שונא מיט דער שאַרף פון שווערד,
דאָס ביטל האָב און גוטס פאַרצערט ווערט פון די פלאַמען;
פון אונטערן טראָט אַנטלויפט, פאַרשווינדט די ערד —
וואָגלט־אום אַ שיף מיט יידן איבער שטורעמדיקע ימען.

איז בייז און פרעמד דער ים, און רוי און גרוי דער רוים,
נאָר וואָגלער־אויגן זיינען צו דער וייטער־וייט געווענדט —
צו צווייטער היים, צו מאַמע־לאַנד — דעם אַלטן טרוים,
וואָס וואַרט אויף וואָגל־קינד מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— זאָג־זשע, קאַפּיטאַן, ביים רודער פון דער וואָגלענדיקער שיף,
צי זעט זיך ניט קיין לאַנד אין אויג פון דיין שפּאַקטיוו?

זאָגט דער קאַפּיטאַן: אויך דאָ האָט שלעכטער מענטש, דער האַר,
זיין טוימן־גען געשפרייט די וועגן צו פאַרצאַמען,
דער וועג צום לאַנד איז וייט, און נאָענט די געפאַר —
וואָגלט־אום אַ שיף מיט יידן איבער טויט־געפאַר פון ימען.

גייט די שיף זיג־זאַג אַזוי, דורך טעג און נעכט,
דורך נעכט און טעג,
ביז איינמאָל טוט שפּאַקטיוו אַ ציטער ביים קאַפּיטאַן אין האַנט,

מיט טויזנט קולות, דאַכט זיך, רופט זיין שטים און וועקט
די מידע וואָגלער: איך זע דאָס לאַנד! איך זע דאָס לאַנד!

בלייבן הערצער שטיל און ליפּן שטומע ציטערן פון פרייד,
און ווער עס האַלט ניט אויס, צעוויינט זיך שטילערהייט.

אין זון און ווינט, אַ פריילעכע צעפלאַטערט זיך די פאָן,
קומען שנעל צו זיך די וואָגלער, פרייט מען זיך צוזאַמען,
גיט די שיף צום ברעג סיגנאַלן: אַ שיף קומט אָן!
אַ שיף קומט אָן!
עס איז די וואָגלער־שיף געקומען צו דער מאַמען!...

ענטפערט בייז דער שומר פון די ימים:
צוריק! צוריק מיט אייערע וואָגלענדיקע טריט!
עס זאָל קיין וואָגלער־טראָט ניט איבערטרעטן דאָ די שוועל.
וואָגל, וואָגל, וואָגל ווייטער, וואָגלדיקער ייד...

בלייבן יידן ווי פאַרשטיינערט צו די ערטער צוגעשמידט,
נאָר אַ ווייטיק אין די אויגן ברענט און בריט.

רייבט דער קאַפּיטאַן די אויגן ווי פון קראַנקן שלאָף —
געפירט אַ שיף מיט וואָגלער צו אַן אייגענער, אַ מאַמען,
איצטער פיו"ט ער צו דער שחיטה גאָר אַ שיף מיט שאָף,
אַ שיף מיט שטומע וואָגלער איבער שטורעמדיקע ימען.

שפּרייט זיך אויס אין לופט אַ נעפּל גרוי און בלינד,
כעסן זיך די כוואַליעס, דער ים דערצאָרנט איז.
צעוויינט זיך וואו אַ וואָגלער, ווי אַ פאַרלוירן קינד,
אַ צווייטער טוט פאַרצווייפלט זיך פון אָרט אַ ריס

און פאַרגייט זיך אין אַ יאָמער: העלפט! העלפט! העלפט!
עס יאָגן אונדז די רויבער, עס פאַרצוקן אונדז די וועלף!

הערן כוואַליעס דאָס געיאָמער פון דעם וואָגלענדיקן מאַן,
בעטן זיך די כוואַליעס ביים קאַפּיטאַן דעם מידן:
העי, דו גוטער, העי, דו מידער קאַפּיטאַן,
גיב אונדז אָפּ די שיף מיט יידן.

האָט שלעכטער מענטש, דער האַר, אויף ים דעם טויט פאַרזייט,
כאַפּן כוואַליעס טויטן־מינען און זיי שפּילן זיך מיט זיי,
שפּילן זיך אַזוי און צילן צו דער שיף דעם זאָמען פונעם טויט
און דרייען זיך אַרום דער שיף מיט אַ שטורעמדיק געדריי.

טוען זיי אַ הייב די שיף אין לופטן און אַ ברעך אין צוויי,
פאַלן וואָגלער אין די אָרעמס פון די כוואַליעס מיט
אַ טויט־געשריי.

צעלאַכן זיך די כוואַליעס און כאַפּן מיט די וואָגלער זיך אַרום
און לאָזן זיך צום גרונט מיט זיי צוזאַמען,
און איידער נאָך דאָס טויט־געשריי פאַרגייט, פאַרשטומט —
לאָזט זיך שוין אַ צווייטע שיף מיט יידן איבער שטורעמדיקע ימען.

אונדזער גרויסער ברודער

אונדזער שונא וועט באַצאָלן, אוי, וועט ער באַצאָלן טייער!
אונדזער גרויסער ברודער וועט אים פון דער וועלט פאַריאָגן.
ברודער גרויסער, שטאַרקער און געטרייער,
זאָלן דיינע שטאַרקע הענט אים טויט דערשלאָגן.

אונדזער בלוט אויף אַלע וועגן. אונדזער וויי — אַ זיפץ־געוויטער.
אונדזער לייב האָט ער צעוואָרפן איבער מיסט און פלויטן.
זיי אַ טרייסט אונדז, דו געטרייער היטער,
שלאָג אים גרויזאַם, טויט אים טויזנט טויטן.

טויזנט־קעפּיק איז דער מאָנסטער, טויזנט הענט האָט ער, ווי שלאַנגען,
יעדע שלאַנג האָט טויזנט צינגלעך אונדזער בלוט צו זויגן.
רייס זיין לייב מיט אָנגעגליטע צוואַנגען,
ווי ער האָט פון אונדז די אָדערן געצויגן.

טראָג זיך שאַלנדיקער רוף, איבער בערג און ימען!
זאָל מען אין די ווייטע ווייטן אונדז דערהערן!
קומט, אָ קומט דעם רוף אַנטקעגן, קומט צוזאַמען,
טויט דעם שונא! — וועט איצט אונדזער שבועה ווערן.

יעדנס הילף איז נויטיק. טייער זיינען שעהן, טעג, מעת־לעתן.
„גיב דיין האַנט מיר, ברודער" — זאָל איין ייד צום צווייטן זאָגן.
וואָס געווען ביז איצט זאָל זיין פאַרגעסן,
קום דעם ברודער העלפן אונדזער שונא שלאָגן!

ניט פאַר שרעק און זיפצן איצט די צייט איז, נאָר פאַר מוט און גלויבן.
אונדזער האַס צום שונא לאָמיר ווי אַ פאַנצער טראָגן.
פעסט דער טראָט און הויך דעם קאָפּ געהויבן
וועלן מיר צוזאַמען אים צום טויט דערשלאָגן.

יולי, 1941.

וואָס וואַרטן מיר?

איז וואָס־זשע וואַרטן מיר? אויף וואָס־זשע וואַרטן מיר?
איך און דו און מיר?
אַז איבער קערפּער־בערג, דאָס אומגליק שפּאַרט אַהער —
שפּאַרט צו אונדזער טיר. —

און זעט נאָר מענטשן ערדישע, גוטמוטיקע,
וואָס דער פּיינט צעטוט!
עס שווימט־אום אונדזער ערד — אַ שיף אַ ריזיקע
אין אַ ים פון בלוט!

פּיראַטן איבער אונדזער שיף געוועלטיקן.
האַקן קעפּ און הענט!
און קינדער וואַרפן זיך אין ים אין בלוטיקן,
פון דער שיף וואָס ברענט.

רציחה־פלאַם אויף מערדערס פּנימער און הענט,
אויף די שאַרפע העק,
מיטן טויט עס ראַנגלען זיך די ברידער אונדזערע
אויפן ראַנד פון דעק...

און מיר, וואָס טוען מיר? מיר פּראַוועו אונדזער סעודה דאָ
צו דער מוזיק פון וואַלץ.
ווען מערדער שמידט די קייט, און האַלט די האַק שוין גרייט —
גרייט פאַר אונדזער האַלדז.

מיר בלייבן טויב צום הילף־געשריי, מיר זעען ביט —
אויף דער וואַנט די שריפט:
— איר גייט צום אונטערגאַנג! איר קאָנט נאָך ראַטעווען —
ראַטעווען די שיף!

איז וואָס־זשע וואַרטן מיר? אויף וואָס־זשע וואַרטן מיר?
איך און דו און מיר?
אַז איבער קערפער־בערג, דאָס אומגליק שפּאַרט אַהער —
שפּאַרט צו אונדזער טיר. —

שלום, — — שלום! — —

— — „סיהאָט אויסגעבראָכן שלום" — — —

דאָס בשורהדיקע וואָרט, דאָס שלום־וואָרט
האָט אויפגעריסן
מיט אַטאָמען־קראַפט אין לופט.
האָט זיך די ערד,
ווי אין טאַנץ אין שיכורן, געדרייט.
אין ווירבל־ווינט פון רעגנבויגן־פאַרבן
האָט זיך די נאַכט פאַרמישט מיט טאָג
און טאָג מיט נאַכט —
די יובלדיקע פרייד האָט זיך צעוויינט,
און ס'האָט דער טרויער זיך צעלאַכט . . .

אַלע קוואַלן האָבן זיך צעעפנט,
פון אומעטום האָט האָפענונג געקוועלט, געשטראָמט;
געטראָגן זיך מיט קראַפט פון וואַסער־פאַלן,
געוואַשן און פאַרדעקט די וואונדן פון דער וועלט —
געוואַשן און פאַרדעקט און יום־טובדיק פאַרגלעט
די חורבות פון פאַרוויסטע שטעט;
און אַלץ וואָס איז געווען מיט בלוט באַפלעקט —
פאַרדעקט — — פאַרדעקט — — פאַרדעקט . . .

אין איין־און־איינציק אויגנבליק
האָט אויפגעבליצט
אי פרייד, אי פיין פון טויזנט יאָר —
ס'האָט זיך געטאָן אַ מיש־צונויף
דער חלום מיט דער וואָר . . .
חניפהדיק געשמייכלט האָט דער האַס,

די ליבע האָט אַלץ און אַלעמען פֿאַרגעבן . . .
דאָס אומגליק האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס גליק
און זיך צעלאָזט אַ שלום־טאַנץ
אין מיטן גאַס . . .
פֿון טרובעס מעכטיקע געהודיעט האָט
אַ שמחהדיק געריש, ווי אויסגעהוילט און לער ;
און מענגעס האָבן זיך געקנוילט,
געדרייט פֿון פֿרייד צעטומלטע,
ווי מחותנים אָרעמע אויף אַ חתונה,
וואָס עפּעס איז דאָס האַרץ זיי שווער . . .

שפּעטע נאַכט־שעה.
דאָס שטראָמיקע געריש איז אָפּגעלאָפֿן וואו —
צערינען — —
די פֿרייד האָט זיך אַ מידע
צוגעשפּאַרט אויף פֿרעמדע טרעפּ
און איינגעשלאָפֿן — —
אַ ברעג פֿון דער יום־טובדיקער דעק
האָט זיך פֿאַרשאַרט
און האָט אַנטפּלעקט, אַ פֿלעק מיט בלוט —
אַ וואונד . . .
אָט קומט פֿון ערגעץ אָן,
אַ שיכורער בויאַן, אַ הפקר־יונג,
מיט חוצפּה אין זיין גאַנג,
מיט רשעות אין זיין שפּאַן —
אויף געשלעג און אויף פֿאַרגוואַלטיקונג געגרייט.

ערגעץ אין אַ הויז,
זיצט אַ מאַמע נאָך און לייענט
מיט ציטערדיקע ליפּן

אַ געל צעקנייטשטן בריוו
פון אַ זון געטויט אין שלאַכט . . .
איר פּנים צוקט, זי וויינט פאַרשטיקט
דער מאַן זאָל ניט דערהערן . . .
ער זיצט ביים טיש מיט צוגעמאַכטע אויגן,
ער זאָל ניט זען איר פּנים אין געוויין —
און שלינגט אַליין די טרערן . . .
עס זויגט אין האַרץ און עפּעס נאָגט
אַ וויטיקדיק געבעט:
אוי, גאָט, עס זאָל ניט זיין אומזיסט! — — —
ער טוט זיך פון דעם אָרט אַ ריס
און גייט מיט שטילע טריט צום פענצטער צו —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
אין מזרח־זייט פון הימל גייט אויף דער טאָג . . .

דער רעגנבויגן האָט זיך פאַרשעמט

— — — און ס׳האָט די ווייסע טויב זיך אומגעקערט צוריק
און מיטגעבראַכט דאָס גרינע בלעטל אַלס אַ צייכן,
אַז ס׳האָט אויפגעהערט פון בלוט דער רעגן,
אַז כוואַליענדיקע מבול־שטראָמען האָבן זיך געשטילט ;
אַז ס׳האָט די ערד מיט בלוט זיך אָנגעטרונקען זאַט
און ס׳איז דער ים צוריק אַריין אין זיינע ברעגן . . .

— — — און ס׳איז גרין געווען דאָס בלטעל
אין פיסקל פון דער ווייסער טויב,
נאָר ס׳איז אַ פליגל־שפּיץ ביי איר געווען באַשפּריצט מיט בלוט
און לאַנגע טעג און נעכט געדונערט האָט, געבליצט,
ביז ס׳האָט אין הימלס ברעג באַוויזן זיך אַ רעגנבויגן, —
דאַן האָט די תיבה לאַנגזאַם זיך געזעצט.
די ווייסע טויב איז ערגעץ־וואו אַוועקגעפלויגן . . .

— — — און אויף דער ערד דער דעמפּער, דורכגענעצט מיט בלוט,
האָט תיבה זיך געזעצט און האָט גערוט
מיט לעצטן איבערבלייב, געראַטעוועט אין אירע ווענט —
איז שטיל אַזוי געוואָרן מיטאַמאָל,
ווי ס׳וואָלט דאָס האַרץ דער וועלטס זיך אָפּגעשטעלט.
דאַן האָט אין שטילקייט זיך דערהערט אַזאַ זשאַווערדיק געדריי
פון שליסל אין אַ שלאָס פון שטאָל, דאָס שווערע פאַלן פון אַ ריגל,
און עפּעס האָט נאָך אַזוי פּיינלעך לאַנג געדויערט,
ביז ס׳האָט אַ האַנט דעם זיגל אויפגעריסן
און מיט אַ סקריפּ און אַ כליפּ האָט צעעפנט זיך דער טויער.

— — — און שווער האָט די שטילקייט געדריקט
און שטום האָט אַלץ געוואַרט,

ביז פון תיבה אַרויסגעקומען איז, מיט טריט ניט זיכערע,
דער ערשטער פון דעם מבולס איבערבלייב —
אַ ייד, אַ קינד מיט גרויע האָר:
אַ יתום־קינד פון פאָלק, אַן אַלטער ייד פון צוועלף יאָר!
און נאָך אַ ייד, און נאָך — און נאָך — און נאָך —
פון דורות נאָר די לעצט־געבליבענע
און אויך דער אָנהויב פון אַ דור —
קומען און פאַרשווינדן אין בלוילעכן קאַיאָר...

— — — און אַט פאַרלאָזט אַן אַלטער ייד, דאָס לעצטע קינד,
דער תיבהס שוועל.
ער הייבט די אויגן אויף צום רעגנבויגן מיד,
ער טוט אַ זיפץ און לאָזט זיי שנעל אַראָפּ;
אויגן קינדערשע, נאָר פול מיט טרויער,
פול מיט חכמה פון דערפאַרונג —
פאַרשט דער ייד, דער אייביקער, דער גייער,
וואָס פאַרהוילט פון אים דער שלייער
פון דער לעצטער נאַכט־שעה.
ער הערט זיך גוט אין שטילקייט איין,
צי לויערן געפאַרן אויפן ברייעם וועג
און גייט אַוועק מיט טריט, וואָס ווייסן מער שוין ניט פון שרעק...

עס שטייט די תיבה לער, דער טויער — אָפן,
ווי אַ ריזיק מויל, אַ שוואַרץ, וואָס אָטעמט שוין ניט מער,
און פּלוצים הערט זיך פון דער תיבה אַרויס
אַ טראָט אַ געגנדזענער, אָפּגעהאַקט און שווער —
צו תיבהס שוועל דער טראָט דערנענט זיך
און ס'קומט אַרויס און בלייבט ביים טויער שטיין

מיט אויגן בלוט־פאַרגאָסענע —
דער גזלן פון דער וועלט, דער יידן־מערדער,
וואָס האָט זיך אויסבאַהאלטן אין דיין תיבה — גאָט,
מיט זיין קרבן פון דיין פאָלק! . . .
עס הייבט דער מערדער אויף זיין קאָפּ צום רעגנבויגן,
ער טוט נאָך אַזאַ חוצפּהדיקן לאַך —
און ער פאַרשווינדט אין חושך פון דער נאַכט . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רעגנבויגן האָט זיך אַ פאַרשעמטער
מיט אַ וואָלקן צוגעדעקט . . .

לובלין

אָן געשרייען, אָן געוויין.
וואָס איז קללה? וואָס איז טרער?
ווען עס טליעט נאָך אין זשאַר
מענטשנס פיס און הענט,
מענטשנס גליד און ביין —
ביין, ניט שעלטן און ניט וויינען,
ביין!
זאָלן אויגן קוקן שטאַר,
און די ליפּן,
שטילער פון דעם שטילסטן פרילינג־ווינטל,
איבער גראָזן, טויאיק גרין,
זאָלן תפילה טאָן אין צער —
לובלין!

וואוהין, אוי, וואוהין
זאָלן מיר די אויגן ווענדן,
ניט צו זען כסדר נאָר:
אַ גרוב,
אַ קאַלך־אויוון
און פון טייוולס הענט, די בלוטיקע,
אַ מאָנומענט —
אַ באַרג מיט שיך,
און אים —
דעם נאַצי־וואָרעם, דעם פאַרשאָלטענעם,
וואָס קריכט און קריכט און קריכט
אַרום דעם באַרג
פון לעבעדיקע שיך.

קום אַרויס אין פעלד און זע,
ווי שפעדיק ס'איז אויפגעגאַנגען
דער פאַרזיי פון שד.
אין פעלד פון ברויט און בוריקעס און קרויט —
אַ גערעטעניש אויף שאַרבן און סקעלעט;
אַ וויסט גערעטעניש אויף טויט.
הערט,
ווי עס קרעכצט די ערד
צעפייניקט און געשענדט,
און וואונדיק־טיף האָט אויסגעברענט דער שד
און אויסגעקריצט
דעם טמא נאָמען זיינעם —
פריץ.

ווער האָט עס דאָרט געטאָן אַ זיפץ?
ווער האָט עס דאָרט געטאָן אַ כליפּ?
זאָל שטילער זיין! שטיל!
שטאָל אָן דאָס האַרץ, פאַרבייס די ליפּ,
און מאָן און מאָן און מאָן!
און נישט פאַרגיב און נישט פאַרגעס
מאָן אויג פאַר אויג, מאָן צאָן פאַר צאָן;
מאָן צען מאָל צען פאַר יעדן גליד פון יעדן מת!

ס'איז מאָנער־צייט!
און שטעכט אין האַרץ דער ווײ — אַ שאַרפער דאָרן
און הערט דער צער ניט אויף צו נאָגן, —
וויינען — נישט!
זאָל טרער און טרויער
ווערן אָפּגעווישט פון יעדנס פּנים,
עס האָט די שעה פון רעכענונג געשלאָגן!

פון יושרדיקן צאָרן
איז די לופט צעגליט.
אָ, הערט נאָר, הערט, ווי עס טראָגן זיך די מאַנער,
הערט דעם דונער פון מיליאָנענדיקע טריט!

ס'איז מאַנער־צייט!
ס'איז די צייט פון נס!
די האַנט די שטאַרקע, די גערעכטע,
ציילט און וועגט און מעסט
און צאָלט פאַר יעדנס קרעכץ
און משפט שטרענג
און שטראָפט,
און קיינעם ווערט געשענקט,
און ווי מיט מבול־שטראָם
ווערט אָפּגעשווענקט דאָס שלעכטס.

אָ, זע, לובלין!
עס גייט אויף איבער דיר
אין פיל־מיליאָנענדיקן פאַרבן־שפּיל —
אַ רעגנבויגן.
אַ נייער טרויער, אַ באַדויער,
וויברירט און שפּילט אין די קאָלירן!
דער גאַנצער הימל וועט זיך באַלד פאַרלירן
אין אַ ים פון שנעל זיך טוישנדיקע פאַרבן
און אַלץ וועט זיין פאַרהילט
אין רעגנבויגן — —

פאַסמעס פיל־קאָלירנדיקער בלענד,
שפּרייט זיך צאַרט און אומעטיק
אויף פנימער און הענט;

פאַרבן־טענער שפּילן שטיל און ווייך
אַזאַ חרטהדיק געוויין
אויף דעם וואָס איז פאַרלוירן,
און ברויזן פריידיק אויף
אין צוזאָג און דערמאָנונג
אויף אַנהויב ניי,
וואָס ווערט געבוירן . . .

וואָס איז עס פאַר אַ ניי געזאַנג,
וואָס זינגט אין לופט
און דרינגט אין האַרץ
פון יעדן לעבעדיקן מין —
אָ, לובלין!

דער פליכטלינג האָט געוויינט . . .

ער איז געשטאַנען ביי אַ פענצטער
מיטן פּנים צו דעם אָוונטיקן דרויסן.
דער נייער אָנצוג, וואָס זיין שוועסטער האָט געקויפט אים,
איז אויף אים געהאַנגען שעמעוודיק און פרעמד, —
אַזוי איז ער געשטאַנען און גערעדט,
ווי געשטיקט פון מדבר־היץ און דאַרשט,
געפּייניקט פון מיראַזשן, וואָס צערייצן און פאַרפּלייצן
און שטראָמען אויף און רוישן און פאַרשווינדן . . .

דאָס ניט דערציילטע, האָט איר בליק אַראָפּגעלייענט
פון דעם בויג און עלנט פון זיין פּלייצע.
האָט איר דאָס האַרץ פאַרקלעמט
און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.
איז ער געבליבן שטיין אין מיטן וואָרט.
און ווי עס טוט אַ קראַנקע טויב אַ פאָכע מיט די פליגל,
האָט ער געטאָן אַ הייב די אַקסלען
און אַראָפּגעלאָזט די הענט.
האָט זי געפילט דאָן, אַז ער ווייסט דערפון אַליין ניט
ווי איר שטעכן זיינע פּלוצימדיקע צאַרטע רייד:
„וויין ניט, שוועסטער, זע, איך בעט דיך, וויין ניט!" . . .

און ווידער האָבן זיינע שאַרסטקע, זיינע האַרטע רייד,
ווי מיט הוילן פויסט געקלאַפּט אויף שטומע ווענט:
— די וואונדן פון מיין גוף,
זיי האָבן זיך צוביסלעך שוין פאַרהיילט,
נאָר אין מיין חלומען ביי־טאָג, מיט אויגן וואַך,
ברען איך אין די פלאַמען פון די קאַמערן,
און אין שלאָף צעשויבערטן ביינאַכט
פיל איך ווי איך ווער דערשטיקט, —

ווי גאַנץ גיפּטיקע אין מיין האַרצן האַמערן
און סמען מיר דאָס בלוט.

און ס'טרעפט, אַז אַלצדינג טוט זיך אַ פּאַרלעש,
און פינצטער ווערט און פּוסט, —
איך הער נאָר — שטעקן שלאָגט אויף מענטשלעך לייב
און עפּעס קנוילט זיך אין דער פינצטער איין אין דרייען.
ס'איז מוראדיק אַזוי,
ווייל נישט עס וויינט און ניט עס קלאָגט;
איך הער נאָר אברים צאַפּלען זיך און ראַנגלען
ניט צו שרייען . . .
און ווי עס שפּאַלט די האַק דעם בוים
אַזוי צעהאַקט די שווערד אַ מענטשנס לייב
און ס'פּאַלט אַ גוף צעשפּאָלטענער אין צוויי,
אויף וויסטער ערד פאַרשאָלטענער, אין שניי".

איז זי אַזוי געזעסן און געביסן זיך די ליפּ
פון בושה און פון ווי, פאַר איר זאַט און רואיק לעבן,
וואָס זי האָט די אַלע יאָרן דאָ געפירט.
האָט זי שטיל אין זיך געוויינט
און ווי אַ קינד געטאָן אַ כליפּ.
האָט עפּעס פאַר זיין בליק, ווי אַ בליץ, געטאָן אַ שטראַל.
ער האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ דריי צו איר,
געזען איר וויינענדיק געזיכט און נישט גערעדט,
גאָר געטאָן אַ פאַל צו אירע פיס.
און ס'האָט זיך פון זיין האַלדז אַ ריס געטאָן אַ שלוכץ
און ס'איז געשען דער נס מיט משהס וואַסער־שטראָם פון שטיין —
ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיינע טויבע, שטומע מדבר־יאָרן
דערהערט זיין אייגן מענטשלעך, ריין, באַפרייענדיק געוויין.

דוד און גלית

(צו דער בריטישער מאַכט)

— — — „ויאמר דוד אל הפלישתי,
אתה בא אלי, בחרב ובחנית
ובכידון, ואני בא אליך
בשם יהוה צבאות, אלהי
מערכות ישראל אשר חרפתי".

(שמואל א—יז—מה)

גלית גרויסער, שטאַרקער, גלית הפלישתי,
גוט באַפּאַנצערט און באַוואָפנט,
הערשער איבער ימים, לענדער און מיליאָנען שקלאַפן, —
איך האָב דעם כבוד זיך צו טאָן פאַר דיר פאַרנויגן:
מיין באַרוף, איז זיין אַ פּאַסטוך,
מיין כלי־זיין, איז אַ האַרף און פייל און בויגן. —
נישט איך בין אַ שלעגער,
נישט איך בין אַ העלד, אַ קריגער
און איך דאַרף אַוודאי ניט קיין וואפן־טרעגער —
וואָס איך ווייס, האָב איך געלערנט פון מיין רבין,
דער רבי מיינער איז — דאָס לעבן . . .

גלית, מיינסט ביזט שטאַרק
און אָנגעלאָדן מיט געווער,
דאַרף איך, דער שוואַכער, ליגן שטיל ביי דיינע פיס
און דיר דאָס וואָפן טראָגן ?
ווייס, איך וועל ניט זיין דיין קנעכט !
איך וועל ניט אָקערן פאַר דיר,
ניט שמידן און ניט וועבן, —
ווילסטו קריג,
וועל איך מיט דיר זיך שלאָגן —

מיין וואָפן איז — מיין רעכט
און וואו איך גיי,
גייט־מיט מיט מיר דאָס לעבן . . .

גלית הפלישתי, דו האָסט די מאַכט,
און דאָס איז אמת —
דו ווייסט ווי צוצורויבן יענעמס ;
דיין וואָרט איז חוצפּהדיק און פֿאַלש
און ווייסט נישט וואָס עס מיינט זיך שעמען. —
דאָך ווייס, עס איז דיין מאַכט
אויף פֿאַלשן פֿונדאַמענט געבויט,
ווייל דער וואָס ווערט פֿון דיר באַרויבט,
וועט קומען, ער וועט קומען נעמען,
וואָס צו אים געהערט . . .
אויך דאָס איז אמת, ווי ס'איז אמתדיק די ערד
אונטער מיינע טריט ;
ווי ס'איז אמתדיק דאָס שטיינדל,
וואָס איך האַלט אין מיינע הענט — — —
דער שוואַכער, דער באַרויבטער,
האָט אויך זיין וואָפן —
אָט זע, דו מיינסט אַ פֿויגל פֿליט,
דאָס פֿליט אַזוי צו דיר דער טויט . . .
אָט הער, ווי זיינע פֿליגל שוועבן,
און איך, דער שוואַכער,
שטיי און הער־נישט־אויף צו גאַפֿן
אויף די וואונדער פֿונעם לעבן . . .

דיינע שונאים

דיינע שונאים, פאָלק מיינס, דיינע בייזע שונאים,
זיינען אויך די פרייהייט־שונאים פון דער וועלט;
און דער וואָס האָסט וואָס האַסט און שעלט דאָס לאַנד פון פרייהייט,
דער האַסט דיך אויך, מיין פאָלק, דער בילט און שעלט.

דער שונא אונדזערער איז ווילד און גרויזאַם,
ער טונקט אין גיפט די שווערד, וואָס ברענגט אונדז אום.
דאָך אייביק שטאַרק און מילד איז האַנט פון פרייהייט,
וואָס נעמט אונדז צאַרט און טרייסטנדיק אַרום.

דו האָסט, ווי יעדער פאָלק, אויך אייגענע פאַררעטער,
וואָס ווילן שפּאַלטן און צעברעקלען אונדזער קראַפט.
זיי בייסן, ווי מיט שלאַנגען־גיפט, די הענט פון אונדזערע רעטער
און זיי פאַרשוועכן דיין מאַרטירערשאַפט.

נאָר זיי, וואָס שעלטן, זיינען דאָך אַליין פאַרשאָלטן. —
זייער קללה גייט זיי נאָך אין גרוב אַריין
און דו, מיין פאָלק, ביזט ווי די פרייהייט — אייביק
און ווי די פרייהייט, וועסטו אייביק זיין.

סאַן־פראַנציסקאָ

ראַשעלן.

1 — שטאָט פון ערב־פרידן *)

*) די לידער פון דער אָפּטיילונג זיינען געשריבן געוואָרן אין דער צייט, ווען אין סאַן־פראַנציסקאָ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די פאַראייניקטע־פעלקער קאָנפערענץ פאַר פרידן.

דו אויסדערוויילטע, מזלדיקע שטאָט!

עס שפּאַלטן זיך די וואָלקנס.
פאַרבלוטיקט פאַלט אַראָפּ די זון צום הימלס־ברעג
און צינדט דעם ראַנד.
עס האָט דאָס פייער זיך פאַרשפּרייט,
דער הימל ברענט אַ פייערדיקער, רויטער —
אָן אָנזאָג:
עס וועט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג!
עס וועט זיין אַ גרויסע פרייד,
נאָך אַזוי פיל שטורעמדיקע טעג,
זען אַ הימל בלוי און לויטער . . .

פרילינג־ווינטן פירן אָן געראַנגל
מיט דער שוואַרצער נאַכט,
מיט די בייזע כוחות פון דער וועלט;
לאַנגזאַם, טראָט נאָך טראָט
ווערט די פינצטערניש פאַריאָגט.
דער הימל בלויט, דער דרויסן העלט,
עס טאָגט!

און זע, אָ זע, דו גליקלעכע פון גאָטס גענאָד:
ס׳האָט פרי׳ר, ווי אומעטום,
אויף דיר אַ פאַל געטאָן
דער ערשטער שטראַל פון אַ נייער זון,
דו אויסדערוויילטע, מזלדיקע שטאָט!

טויבן אין די נישעס, טויבן אין די סקווערן

איבער לענדער זיינען נאָך די הימלען,
פון די שריפות, רויט געצונדן;
רויט געצונדן, ברענען נאָך די וואונדן
און זיי וועלן לאַנג, אוי לאַנג זיך ניט פאַרהיילן!

דורות לאַנג נאָך, וועט דאָס אומגליק
זיך אַליין דערציילן . . .
און דאָס זיפצן פון געפייניקטע
וועט מען, דאַכט זיך, שטענדיק הערן
אין געוואָי פון ווינט.

איבער דיר נאָר שפרייטן זיך די הימלען
לויטער בלוי,
און אַ זון אַ יונגע צינדט אָן ליכט אין דיינע שויבן;
אַרום די גאָלדענע קופּאָלן פון דיין שטאָט־הויז
פלאַטערן אַרום אין קרייזן
סטאַיעס טויבן . . .
טויבן אין די נישעס, טויבן אין די סקווערן,
וואָרקען אויס דאָס ליד פון פרידן
מיט אַזויפיל צוטרוי,
מיט אַזויפיל גלויבן . . .

בשורה-צייט

קום אַרויף מיט מיר אויפן העכסטן באַרג
און זע דעם צויבער פון דער אויסדערוויילטער שטאַט,
דאָס געזונטע קינד פון געבענטשטן, קאַליפאָרניער שטאַם.
אָ, זע: די נעפּלדיקע שלייערן פאַלן צו דער ערד.
אַן אויסגעבאָדענע אין די כוואַליעס פון דעם ים,
גייט אויף, אין יונגער נאַקעטקייט, די זון —
דאָס ליכט פון ערב נייער צייט . . .

ס'איז בשורה-צייט!
עס טראָגן זיך בשורות פון דער ווייט,
מיט געדויש פון פרילינג-שטראָמען.
וויפיל האָפענונג און צוזאָג אין דעם הימלס בלוי!
עס איז קיין שטאָט נאָך קיינמאָל ניט געווען באַרימט אַזוי!
נאָר וואָס איז רום, אין פאַרגלייך מיט דעם,
ווי עס ווערט אומעטום,
מיט ליבע און מיט האָפענונג, אַרויסגערעדט דיין נאָמען!

עס איז נאָך פון די ליפּן ניט אַראָפּ
דאָס בשורהדיקע וואָרט
און זע, ווי ברייט און ווייט
עס האָט די בשורה זיך פאַרשפּרייט,
און אַלע וויסן שוין דערפון!
מיט אַזאַרט-געוועט פון יוגנטלעכן שפּיל
האָבן גאַסן זיך צעלאָזט אין אַ געלויף,
אַרויף, אַרויף, צו די הויכן פון די בערג,
און טויכן שנעל אַרונטער,
מיט אַ שטיפערישער פרייד,
ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן

איבער באַרג און טאָל
בשורות גוטע אָנצוזאָגן . . .

ס'איז בשורה־צייט!
און אַלץ זעט היינט גאָר אַנדערש אויס.
עס האָט זיך ווי צונויפגעמישט
די וואָר מיט חלום . . .
עס גייען מענטשן אום פאַרטראַכט
און שמייכלען אַזוי צאַרט צו יעדן און צו זיך אַליין,
ווי זיי וואָלטן איצט, צום ערשטן מאָל,
דערזען דאָס גליק, וואָס זיי האָבן לאַנג געגאַרט —

לענדער וועלן זיך דערלאַנגען
דאָ די הענט,
פעלקער וועלן זיך דאָ געבן שלום!...

עס קומט די וועלט צו דיר צוגאַסט

אָ שטאָט, דו שטאָט!
מיין היים, דו שיינע שטאָט, דו יעדנס היים,
דו אַרעבטזאַמע שטאָט!
דיר זינגט אַ ליב־געזאַנג אַ יידיש קינד,
וואָס שעצט דיך אָפּ און האָט דיך ליב,
ווייל דו ביזט פריי פון פאַראורטייל
צו פאָלק און פאַרב פון הויט.
דו האָסט דורך מי דורך ערלעכער,
דורך ראַנגלעניש און נויט,
פאַרדינט דיין גוטן נאָמען.

אָ שטאָט, מיין שטאָט!
ווי גוט עס איז אין דיינע שטענדיק בליענדיקע פאַרקס,
נאָך אַ וואָך פון יאָגעניש און מי,
אויפן גרינעם גראָז צו רוען!
ווי געטרייע ריזן שומרים,
שטייען פריי צעשטעלט, צווישן די אַלייען,
דיין בופאַנאָס קונסט־סטאַטועז
און דאָס קלענסטע בלימל, דאַכט זיך,
אַז עס פרייט זיך און באַרימט זיך:

זעט, איך וואַקס און בלי,
איך וואַקס און בלי!...

אָ שטאָט, דו אויסדערוויילטע שטאָט!
ווי שיין, ווי שיין דיר פּאַסט
דאָס ערב יום־טובדיקע האָוועון!
מיט אימפּעט און מיט האַסט
האָסטו צעפּראַלט די טירן
פון דיינע וואונדערלעכע שטאָט בנינים.
עס קומט די וועלט צו דיר צו גאַסט,
האָט זיך מיט שטאָלץ און גליק און האָפענונג
צעשטראַלט דיין פּנים. —
אָ, גאָט! זאָל שפּעדיק פּאַר גאָרער וועלט
דאָ אויפגיין דער פּאָרזיי
פון געזונטן פרידנס זאָמען!...

אונדזער פאָן

(דעם 4טן מאַי, 1945, האָט דער סאַן־פראַנציסקער
סימפאָנישער אָרקעסטער געשפּילט לכבוד די פאַר־
טרעטער פון זעקס־און־פערציק פעלקער, ביי דער
פאַראייניקטער פעלקער־קאָנפערענץ פאַר פרידן, וואָס
ס׳איז געהאַלטן געוואָרן אין סאַן־פראַנציסקאָ.
אַ באַרימטער יידישער פידל־ווירטואָז איז געווען דער
גאַסט־קינסטלער ביי יענעם קאָנצערט.)

זעקס־און־פערציק פעלקער
זעקס־און־פערציק פאָנען —
רויט און בלוי און גאָלד און ווייס —
און שוואַרץ אפילו!
פאַרבן און קאָלירן, וואָס באַצירן און דערמאָנען
בלוטיקן געראַנגל, העלדן־מוט און גלויבן.
און דאָס שוואַרצע טוט דערמאָנען
אונדזער טיפן טרויער
נאָך די לעבנס פון מיליאָנען העלדן
ערלעכע און שטילע.

קאַנדעליאַברע־ליכט און בלומען,
יום־טובדיק גערעדעריי פון זיבעציק לשונות,
מישט זיך אויס מיט שטיפערישן פלאַפּלען
פון סטרונעס, פלייט און טרובעס, —
עס גרייט זיך דער אָרקעסטער,
נאָר דער ערשטער טשעלאָ־שפּילער,
האַלט זיין ליבלינג־אינסטרומענט
מיטביידע הענט אַרומגענומען,
ווי עס וואָלט זיין איין־און־איינציק קינד

זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיינע קני . . .
און ער, דער „טאַטע", בלאַס, פאַרחידושט,
ציילט און ציילט די פאַנען ביי די ווענט. —
עפּעס האָט ביי אים אין האַרץ געטאָן אַ ברי,
עפּעס האָט אַ פּיק געטאָן ביי אים אין זינען —
עס זוכט דער ייד זיין פאָן,
און קאָן זי ניט געפינען . . .

בלייך און בלייכער ווערט דאָס ליכט.
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ווערט עס וואו אַנטרונען.
מיטאַמאָל, ווי אומגעריכט,
ווערט דאָס רוישעדיק גערעדעריי אַנטשוויגן.
ס'האָט איינער נאָך אַ שטילן הוסט געטאָן
און שאַ און שטום —
עס הויבט זיך אָן!

עס מורמלען פידלען צאַרט און ווייך
אַן הקדמה־ניגון . . .
און עפּעס האָט די טשעלאָ ווי געטאָן אַ ברום
און אַ טיפן זיפץ געטאָן.
דאָס פּנים בלייך, די אויגן ברענען,
צאַפּלען אום דעם יידנס פינגער אויף די סטרונעס:
„וואו איז אונדזער פאָן?"
„וואו איז אונדזער פאָן?"
„וואו איז אונדזער פאָן?"
און ווידער שטיל.
שטילער נאָך ווי שטיל . . .
דער טיק־טאַק פון אַ צענדליק טויזנט הערצער,
האָט אַן אויגנבליק זיך אָפּגעשטעלט . . .
דער רוים איז לער.

נאָר פּנימער אין דינעם נעפּל איינגעהילט
און אויגן, אויגן, אויגן —
אויגן און געהער!

יהודה שפּילט!
זיך געטאָן אַ בייזער און אַ גלעט...
אַ בייזער און אַ גלעט.
בעטהאָווען־שפּראַך —
יהודה רעדט:
מיט אונדזער בלוט, איז דורכגעזאַפּט די ערד,
אונדזער זיפץ — אין אַלע ווינטן.
אונדזער האָב־און־גוטס — אויף אַלע וועגן;
ווער עס האָט געוואָלט, איז געקומען נעמען.
און מיר וואַרטן, וואַרטן אַלץ געדולדיק!
איז ביי וועמען זאָל מען מאָנען?
וועמען זאָל מען פרעגן?
וועמען? וועמען?
שטיי איך איצט פאַר אייך, איר פאָנען,
און איך מאָן!...

יהודה וואַרט.
עס צערעדט זיך דער אָרקעסטער.
ווי פאַרשעמט און שולדיק, האָבן אַלע אינסטרומענטן
אויפגעכאַפּט יהודהס טענות.
פידלען, האַרפן, פויק און טרובע:
טשעלאָ, באַס און פלייטן.
יעדער פרעגט באַזונדער,
איינער פרעגט ביים צווייטן,
אַלע פרעגן, אַלע טענהן, אַלע מאָנען
און מיט וויטיק קלאָגט די טשעלאָ:
זע, אָ זע, אָ זע,
בישטאָ דיין פאָן, יהודה,
צווישן אַלע פאָנען!

ווי פאַרכישופט האָט אַ זינג גערטאָן יהודהס פידל!
יעדע סטרונע זינגט באַזונדער . . .
יעדער טאָן — אַ ליד.
יעדעס ליד — אַ וואונדער:
וואונדער איבער וואונדער!
אין צוויי צענדליק טויזנט אויגן
פינקלען טרערן;
ניט זיי זעען שוין דעם פידל און דעם בויגן
נאָר זיי הערן,
ניין, זיי הערן ניט — זיי פילן,
ווי עס מישן זיך צוזאַמען
אַלע פאַרבן פון די פאַנען
מיט די טענער פון זיין שפילן —
אַ געזאַנג! אַזאַ נגינה,
ווי עס וואַלט פון יעדנס האַרץ אַרויסגעקומען!
די קאָלירן פון די פאַנען און די פאַרבן פון די בלומען
שפילט יהודה!
איין קאָליר פון צווייטן שענער.
טיילט שוין קיינער ניט פאַנאַנדער
די קאָלירן פון די טענער . . .
שפילט ער בעז, און שפילט אויס רויזן,
כריזאַנטעמעס און טולפּאַנען,
ליליען־ווייס און רויטן מאָן —
שפילט ער גאָלד פון זאַנגען,
גרין פון בלעטער און די קאָרע פון דעם בוים
שפילט און שפינט און וועבט אויס
ריזיק גרויס אין רוים
אַ פאָן פון אַלע רעגנבויגן פאַרבן —
די פאָן פון האָפענונג און פרידן —
אונדזער פאָן!

סאַן-פראַנציסקאָ

II — מיין שטאָט—מיין היים*)

*) די לידער פון דער אָפּטיילונג זיינען געשריבן געוואָרן דורך דער צייט פון די פיר יאָר, וואָס איך האָב געוואוינט אין סאַן־פראַנציסקאָ.

דו ריזן קינד פון ים און בערג

סאַן־פראַנציסקאָ!
דו טראָגסט דעם נאָמען דיינעם,
דעם נאָמען פון אַ הייליקן,
ווי עס טראָגט דאָס היטל אויף אַ זייט,
פאַרשייט און חנעוודיק
אַ יונגלינג אַ מאַטראָס.
די גאַסן דיינע קלעטערן
כסדר באַרג אַרויף
און דיינע בריקן פלאַטערן,
ווי אויסגעשפרייטע פליגל
פון אַן אַלבאַטראָס.

דו, ריזן־קינד פון ים און בערג,
פון זון און ווינט;
דו שטייגסט אַלץ העכער און דו גייסט
מיט דיינע צווילינג־בערג
אין אַ פאַרמעסט.
דיר פּאַסט דיין אַרבעט־קלייד,
און טויזנט חנען גיט דיר צו
דאָס גאָלד און גרין פון „גאָלדן געיט",
און זעסט כסדר אויס, ווי וואָלסט געוואַרט
אויף אַנגעלייגטע געסט.

דו שטייסט אויף וואַךביים ברעג פון לאַנד,
די ביקס אין האַנט
און היטסט דיין שונאס טריט.
ווי אַ הונט געטריי — דער ים
ביי דיינע פיס.
פאַרחידושט קוקן דיינע בערג
אויף דיין שטראַלנדיק געזיכט,
אויף דיין זיכערקייט אין זיך

און זיי בויגן מיט באַוואונדערונג די קעפּ
פֿאַר זייער האַר, דעם ריז.

סאַן־פֿראַנציסקאָ!
דיינע האָרעפּאַשנע קינדער
זינגען דאָס געזאַנג פֿון לאָדנדיקע שיפֿן.
שיף־סירענעס ברומען אויס דאָס ליד פֿון נאַכטיקע טומאַנען, —
אָנגעלאָדענע מיט שפּייז און וואָפֿן
פֿאַר לענדער נויטבאַדערפֿטיקע, ווייט פֿון דאַנען, —
שיקן זיי אַ זיי־געזונט צו דיר,
ביים פֿאַרלאָזן דיינע האַפֿנס.

סאַן־פֿראַנציקסאָ!
שטאָט פֿון פֿריינטשאַפֿט, פֿרייד און פֿרילינג,
שטאָט פֿון רחבֿותדיקע סקווערן.
דיינע הייזער אויסגעפּוצטע,
שפּאַנען שטיפֿעריש אַרויף, אַרויף די בערג.
מען קומט צו דיר פֿון ווייטע שטעט, פֿון פֿרעמדן לאַנד
באַוואונדערן און ערן דאָס שותּפֿות־ווערק
פֿון גאָטס און מענטשנס שעפֿערישער האַנט.

מיין שטאָט, מיין היים

עס האָבן קינסטלער־הענט פון ריזן מעכטיקע
ניי און אַנדערשדיק
די גאַסן דיינע אויסגעבויגן —
אַרויף, אַראָפּ, אַ באַרג, אַ טאָל, —
אַז וואו איך ווענד די אויגן מיינע
און וואו איך שטעל מיין טראָט,
זע איך דיך, מיר דאַכט, צום ערשטן מאָל —
מיין שטאָט, מיין היים, —
פון אַלע שטעט, דו שענסטע שטאָט.

עס איז מיר ליב אין דיינע גאַסן
אויף־און־אָפּ צו שפּאַנען
און באַגריסן יעדן,
ווי מען גריסט זיך צו גאָר אַלטע, גוטע שכנים.
פון דערווייטנס, זעען דיינע הייזער אויס,
ווי מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, ווייסע שוואַנען;
דאַכט זיך,
אַז אין איינער פון די ווייסע היימען
איז אַמאָל מיין קינדער־וויג געשטאַנען.

אין לאַנד פון זיוויג און פון ליבע

יעדער איינער האָט זיין שטערן —
איינעמס ליכט־אויף פריער, און אַ צווייטנס — שפּעטער.
מיט דיין קומען איז מיין שטערן אויפגעגאַנגען . . .
אויף די ביימער רויטלען זיך שוין פּירות צווישן בלעטער,
אין די פעלדער, גרין און גאָלדיק רייפן זיך די זאַנגען.
אין אַ לאַנד פון בליאונג און פון בלומען
ביזטו, ליבע, דו, צו מיר געקומען.

יעדער איינער האָט זיין זיוויג
און קיין כוח קאָן ניט האַלטן אייביק זיי באַזונדער.
ניט קיין לענדער קאָנען זיי צעטיילן, ניט קיין ימען.
ס׳האָט מיט אונדז געטראָפן אָט דאָס גרויסע וואונדער. —
אין אַ לאַנד פון נייע זונען
האָב איך, ליבסטע, דיך געפונען.

אין דעם לאַנד פון זיוויג און פון ליבע
האָט זיך יעדע רגע קלאָרן ציל און טיפן זינען.
פריי און אָפן צו דעם עתיד, שפּרייטן זיך די וועגן, —
ס׳איז ניטאָ קיין שלעכטס, ס׳איז ערגעץ וואו אַנטרינען.
וואו מיר קערן זיך און ווענדן, קומט דאָס גוטע אונדז אַנטקעגן.
דאָ, מיין ליבסטע, וועלן מיר פאַרבלייבן,
צו דער וועלט פון דאַנען בריוולעך שרייבן . . .

דער ים ביי דיינע ברעגן

צו ווען עס איז שלעכט דער ים און בייז,
נאָר דיר איז ער געטריי און האָט דיך ליב.
ער היט דיך דורך די נעכט,
כסדר ברומענדיק און מורמלענדיק,
ווי ער וואָלט צו עמיצן גערעדט.

עס טרעפט, ער בייזערט זיך
און וואַרפט זיך אום
און רוישט און שרייט און שטילט זיך איין —
דאַן וואַשט ער ווייך און גלעט און צערטלט
דיינע פעלדזן טריט
און וויגט דיך איין מיט מעשה און מיט ליד
פון ווייטער, ווייטער, ווייטער־ווייט.

אין קלאָרע, אין לויטערע באַטאָגן,
לאַכט דער ים מיט זוניקן געלעכטער.
זיינע טאַנצנדיקע כוואַליעס
יאָגן שפרינגענדיק צו דיינע ברעגן;
זיי טוען אַ צעוואָרף, אַ צעשפרייט
אויף דיינע זאַמדן
הויפנס דימענטן,
וואָס בליצן אין זילבער־ווייסן שוים,
ווי קרוזשעווס און שפיצן
אויף אַ גאָלדן קלייד —
אַזוי קומען זיי צולויפן
און אַנטלויפן מיט אַ רוישנדיקער פרייד.

עס טרעפט,
די כוואַליעס נעמען דיינע קינדער אויף די פּלייצעס
און שפּילן זיך מיט זיי,
און שטיפן אום און שפּרינגען איבער זיי
און וואַרפן זיי אַרום —
מישט זיך אויס דאָס כוואַליענדיק גערויש
מיט פרייד פון זון און קינדערשן געשריי.

ביי די ברעגן פון די פעלדזן־צאַמען,
שטייען טאַטעס, מאַמעס
און מען קוקט פאַרטראַכט צום ים.
זאָגט אַ טאַטע צו אַ מאַמען,
מיט אַ זיפץ און מיט אַ תפילהדיקן טאָן:
אוי, עס זאָל שוין טאַקע זיין אויף תמיד
שלום אויף דער ערד
און איבער אַלע ימען...

„סטוירן-גראָוו"

דער מענטש קאָן שלעכטס טאָן גאַר אַ סך,
ווי נאָר ער ווערט צו דעם געבראַכט,
ווען נאָר ער ווערט צו דעם גערייצט.
און שאַדן קאָן ער ברענגען פיל
און שרעק און טויט;
ווי אַ טייך, וואָס גייט אַרויס פון זיינע ברעגן
און פאַרפלייצט;
ווי אַ שריפה אין אַ ווינט ביינאַכט —
אַזוי פאַרפלייצט ער אַלץ,
וואָס קומט אים אָן אַנטקעגן אויפן וועג. —
ער ברענגט זיין שכן אום,
זיין אייגן ווייב און קינד,
זיין אייגן פלייש און ביין —
עס טרעפט,
אַז ער צעשטערט אויך זיך אַליין . . .

נאָר זיין איז ער, דער מענטש, בטבע גוט.
און וויפיל כוחות ער פאַרמאָגט!
און וויפיל אַרבעט ער צעטוט!
ער עסט אין שווייס זיין ברויט, —
און ס'איז ניט ער, וואָס וואוינט
אין יענע וואונדער-היימען, וואָס ער בויט;
ער האָט געדולד און מוט און כוח,
ער גרייכט די טיפסטע טיפן פון דער ערד
און קלעטערט צו די הימלען הויך. —

עס ווערט דער ים, דער רוים, פון אים באַהערשט —
ווען ניט די כיטרע האָרן,
וואָס באַהערשן א י ם ,

דאָן וואָלט דאָס לעבן אויף דער ערד
געווען אַ וואונדער שיינער טרוים.

ווייל, זיין איז ער, דער מענטש, בטבע גוט.
דאָס האָט ע ר אַמאָל פאַרפלאַנצט
דעם ריחותדיקן, שטאָלצן יוקאַליפּטוס־בוים —
פון סאַמע טיפן טאָל,
צום סאַמע הויך פון שיפּע בערג. —
דאָס זאַמד פאַרשפּרייט מיט סאַמעט־גרין
און צוגעגרייט פאַר אונדז
דאָס וואונדער־ווערק, וואָס רופט זיך: „סטוירן־גראָוו". —
די הים, פאַר טענץ, געזאַנג און שפּיל
און יום־טובדיקער פרייד
פאַר גרויס און קליין, פאַר יונג און אַלט;
פאַר דיינע שיינע טעכטער, פאַר דיינע שטאַרקע זין —
סאַן־פראַנציסקאָ!

קום מיט מיר, מיין גאַסט,
אין אָט דעם יום־טובדיקן טאָג,
צום „סטוירן־גראָוו"!
איך ווייס, צו שיינקייט אויף דער וועלט
איז גאָר ניטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף,
דאָך ווייס איך ניט, צי עמיצער פאַרמאָגט וואו
כ י ב ו ד בעסערן און שענערן,
אויפצונעמען דעם, וואָס קומט פון פרעמדער שטאָט. —
אָט שטיי אַ רגע דאָ מיט מיר און קוק אַראָפּ
אין ברייטן, אויסגעשפּרייטן, פּילקאַלירטן טאָל —
נאָר היט דיין טראָט! צי האָלט זיך אָן
אָן איינעם פון די יוקאַליפּטוס־ביימער,

וואָס בויגן זיך ניט פאַר קיין ווינט.
ווי אַ קינד צווישן ריזן־טאַטעס,
פיל איך זיך דאָ צווישן זיי —
אַזעלכע גוטע, גליקלעכע און זאַטע,
בענטשן זיי און מורמלען אויס, אַ לויב דעם מענטשן,
וואָס ער האָט פאַר זיי געטאָן;
זיי שפּרייטן איבער אַלץ דאָ זייער גליק און זייער רו
און עפּעס, ווי זיי וואָלטן דאַנקבאַר זיין,
וואָס מען שפּאַרט זיך אָן זיי אָן . . .

איצט קוק אַראָפּ, אַהין אין טאָל, און זע —
דו מיינסט: אַזויפיל בלומען, טויזנט פאַרביקע,
אויסגעמישט מיט זון און גריק,
וויגן זיך דאָרט אום אין ווינטל צאַרט?
דאָס איז „פּריסקאָס" טאַטע, מאַמע, זין און טעכטער,
גרויס און קליין, אַזוי זומערדיק געקליידט.
דו קאָנסט פון דאַנען זען און פילן
זייער יום־טוב רו, די שטראַלנדיקע פרייד,
וואָס לויכט אַרויס פון יעדנס בליק.
ווי אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין,
וויגן זיי זיך אום צום ריטם פון מוזיק.

ווי שיין דאָס איז!
עס טוט דאָס האַרץ אַזש וויי!
אָ, קום אַראָפּ אַהין, —
ווי גוט עס איז צו זיין מיט זיי!
באַהערשט פון שפּיל, געזאַנג און טאַנץ;
די בינע — גראָז, אַרום איז בוים און בלום;
דאָס ליכט — דעם הימלס בלוי, די זון
און מענטשן־קינדער — טויזנטער, פיל טויזנטער,

ווי פאַרליבט, ווי אייגענע,
ווי שוועסטער און ווי ברידער
האָבן זיך באַהעפט צוזאַמען מיטן שפּילן
פון סימפאָנישן אָרקעסטער,
וואָס רעגט און צערטלט יעדן גלייך
און דאַכט זיך, אַז ער בעט,
די טענצער פון באַלעט: זעט, אָ, זעט,
ווי מענטש און זון און בוים,
רוים און הימל:
אונדזער שפּיל און אייער טאַנץ —
וויפיל גוטס עס אָטעמט פון דעם אַלץ!

דו שטייסט און טראַכטסט:
ווען ניט דער כיטרער האַר!
ווען ניט דער כיטרער האַר,
ווי גוט עס וואָלט געווען! . . .
נאָר טראַכטסט ניט לאַנג.
עס טוט די מאָסן־פרייד דיך אַ פאַרפלייץ
און ס'גיסט זיך אַ געזאַנג
פון האָפענונג און מוט
צו דיר אין האַרץ אַריין;
דערפילסט דעם אַראָמאַט פון שפּילעוודיקן ווייַן
ביי זיך אין בלוט. — דו ווערסט אַ טייל פון אַלץ
און זאָגסט צו זיך אַליין:
— דו נאַר!
ניט אייביק וועט געוועלטיקן דער כיטרער האַר
און אַט דאָס אַלץ, וואָס זעסט דאָ איצט און הערסט,
איז אַ באַווייז
ווי גוט עס קאָן און וועט ערשט זיין! . . .

„קעיבל־קאַר" *)

אַ שפּילעכל — אַ טראַמוואַיעלע,
אויסגעשניצט און אויסגעמאָלט —
אַ קאַרוסעלעכל,
ווי גאָר אַמאָל, אַמאָל, אַמאָל . . .
מאַנעלעך און ווייבעלעך,
ייִנגעלעך און מיידעלעך —
שנעל־זשע, שנעל באַצאָלט!
קלינגלט־קלינגט דאָס גלעקעלע:
גלין־גלין־גלין.
דרייען זיך די רעדעלעך,
דרייען זיך אַהער
און דרייען זיך אַהין . . .

אויף אַ באַרג אַ הויכן,
שטייט אַ הויכער, שטאַרקער מאַן.
ציט ער, ציט און ציט אַ שטריק —
ציט צו זיך דאָס קאַרוסעלעכל אַרויף
און ער לאָזט עס אָפּ צוריק . . .
צעלאָזט זיך דאָס טרמאַוואַיעלע אין אַ געלויף
אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ.
צעבוצקען זיך די קעפּעלעך.

---

*) אַן אַלטמאָדישער מיניאַטור־טראַמוויי, וואָס ווערט נאָך אָנגעהאַלטן אין אַ צאָל סאַן־פראַנציסקאָער בערגיקע גאַסן. באַרג־אַרויף ווערט דאָס טראַמוואַילע געצויגן דורך אונטער־ערדישע קייטן.

מאַנעלעך מיט ווייבעלעך,
יינגעלעך מיט מיידעלעך. —
קלינגלט־קלינגט דאָס גלעקעלע:
גלין־גלין־גלין.
דרייען זיך די רעדעלעך
דרייען זיך אַהער
און דרייען זיך אַהין . . .

— — — — — — — — — — —

גייט זיך יעדער צו זיין הויז
און דאָס שפּיל איז אויס . . .

אַ ל ק אַ ט ר אַ ז

(אַן אַלטע שפּאַנישע טורמע־פעסטונג, וואָס געפינט זיך
אויף אַ קליינעם אינדזל ביי סאַן־פראַנציסקאָ)

אַרום, אַרום דער שטאָט,
דער הויך־דערהויבענער און שיינער,
ליגן אויסגעשפּרייט, ווי פאָלעס ברייטע
פון אַ קלייד — די וואַסער־ברעגן,
העל און טונקל־גרין און בלוי.
נאָר ס'האָט אַ פאָלע־ברעג זיך וואו פאַרשאַרט
און האָט אַנטפּלעקט אַ פלעק,
אַ וואונד אַזאַ, אַ קרעץ,
וואָס יוירט און אייטערט זיך און פוילט.

עס טרעפט, עס שטעלט זיך אָפּ אַ גאַסט
און ווייזט דיר מיטן פינגער אָן:
אָט דאָרטן, אונטער יענעם האַרפן־בריק,
וואָס איז עס דאָרט? . . .
דאַן לאָזטו ווי פאַרשעמט אַראָפּ דיין בליק
און זאָגסט ניט ווילנדיק אַרויס דאָס וואָרט:
„אַלקאַטראַז" — —
אַלקאַטראַז — דער קוואַל פון סם און האַס,
דאָס שרעקן־וואָרט, די שאַנד,
וואָס פאַלט ניט נאָר אויף דיר, מיין שטאָט,
וואָס פאַלט אויף דיר, מיין לאַנד.
די שאַנד פון קרומען און אומיושרדיקן סדר,
וואו איינער עסט דאָס פעט פון לאַנד צו זעט

און טרינקט דאָס שוימיקע געטראַנק
פון בעכער גאָלדענעם, מיט פולער האַנט,
און אַלע וועגן זיינען פריי פאַר אים און אָפן;
דער צווייטער טרינקט נאָר גאַל און סם
און וואו ער קערט און ווענדט זיין טראָט
איז וואַנט און צאַם;
עס איז פאַר אים אַ לעבן פון אַ קלעטער און אַ פאַל
ער שפּאַרט זיך דורך און קריכט
דורך שפּאַלטן און דורך לעכער
און וואַלגערט זיך אין שטויב, אין קויט
און ווערט, ביז ווייסנדיק אַליין,
דיין קרבן — דער פאַרברעכער,
וואָס פאַלט אַריין אין אָט־די שטומע ווענט,
וואו עס ווערן לעבנס טויזנטער,
דור־דורות דורכאַנאַנד
באַגראָבן לעבעדיקערהייט,
אַלס שטראָף פאַר דיינע זינד,
מיין לאַנד!

נאָך גרויזאַמער ביזטו, מיין שטאָט
און יעדער שטאָט פון לאַנד,
צו זיי, וואָס האָבן מוט און ווערן זיך
און מאָנען וואָס זיי קומט
און פאָדערן גערעכטיקייט,
ניט נאָר פאַר זיך אַליין,
נאָר אויך פאַר יענעם.

עס זיינען דיינע הענט, מיין שטאָט,
ניט ריין פון בלוט.

ווִיפיל ווײ און פּײַן עס טריפט
פון יענע ווײַסטע ווענט —
אין יענעם נאַסן, קאַלטן גיהנום,
וואָס האָסט מיט זיך געבראַכט
פון די שפּאַניער־יעזואיטן
צו אונדזער לאַנד אַ ירושה, אַ צרעת,
פאַר דור־דורות
אַ קללה און אַ בושה —
אַלקאַטראַז.

„טאַקראַקים"

ער האָט זיך היימישלעך צו מיר געטאָן אַ בויג,
אויף מיין אַקסל לייכט די האַנט אַרויפגעלייגט
און שטיל געפרעגט:
— אַ יהודי?

„אַ מאָדנער ייד", האָב איך געטאָן אַ טראַכט.
איך האָב אַ לאַך געטאָן און האָב געזאָגט:
— איך בין אַ ייד, געוויס!
וואָס מאַכט איר אַזאַ סוד דערפון?

האָט ער מיט בייזער און געבעט צו מיר גערעדט:
— זאָלסט וויסן זיין, מיין זון,
עס דאַרף די גאַס אַרום ניט וויסן
ווער און וואָס דו ביזט...
דו זעסט די גאַס?
דאָ האָב איך דאָך אַ לעבן לאַנג געאַרבעט שווער,
נאָר וויסן, ווייסן זיי אַ מכה, וואָס איך בין און ווער...

איך האָב אים גוט באַטראַכט און האָב געזאָגט:
— און אייער נאָז?
מיט אייער נאָז, וואָס טוט איר וואָס?
אייער נאָז די יידישע
האַלט איר אויך בסוד?

נאָר עס בעט ביי מיר זיך שטיל
דער סאַן־פראַנציסקער ייד:
— ביי דיר, מיין זון, איז דאָס אַ שפּאַס,
ביי מיר איז דאָס אַזאַ פּרינציפּ,
ביי מיר איז דאָס אַזאַ געבאָט...
זעסטו, אין דער היים איז עפּעס אַנדערש,
דאָרטן בין איך ייד, און כ'דין מיין גאָט.

— אין וואָס באַשטייט אַ שטייגער, פרעג איך,
אייער יידישקייט אין דר׳היים ?
— וואָס הייסט אין וואָס ?
וועסט אפשר, זאָגט ער, גאָרנישט גלויבן מיינע רייד,
נאָר גלויב מיר, אַז ס׳ליגט ביי מיר שוין צוגעגרייט
טאַקראַקים פון דעם בעסטן שטאָף . . .

— טאַקראַקים, זאָג איך, וואָס איז דאָס אַזוינס ?
ער קוקט מיך אָן און שאָקלט מיטן קאָפּ :
— אַזאַ פאַרשוין ביזטו !
באַרימסט זיך, אַז דו ביזט אַ ייד
און ווייסט ניט וואָס טאַקראַקים איז ! . . .
— איך ווייס, איך ווייס, האָב איך זיך שנעל געטאָן אַ כאַפּ,
איר מיינט, איר מיינט תכריכים דאָך געוויס . . .
— איך מיין טאַקראַקים ! — שרייט ער בייז,
אפשר אין דיין אַלטער היים
איז תכריכים דאָס געווען,
דאָ, א י ז אַמעריקע, מיין זון,
אַמעריקע ! ניט דיין אַלטע היים,
און זיין אַ ייד, און ניט וויסן וואָס טאַקראַקים איז,
דאָס איז אַ „שעים״, דאָס איז אַ זינד !
אַ גרויסע זינד, מיין קינד . . .

דאָס ליד פון דיין אַמאָל

עס קומען טרערן אין מײַנע אויגן, ווען איך הער —
און איך וואָלט ניט ווערן מיד צו הערן,
ווי די ווינטן שפּילן אויס אויף דײַנע האַרפן־בריקן
דאָס ליד פון דײַן אַמאָל,
דאָס ליד פון אַנגסט און פּײַן און ראַנגלעניש פון ווערן.

י ע ר נ אַ ב י ו נ אַ , איז אַמאָל געווען דײַן נאָמען,
איידער ביזט געוואָרן וועלטס באַרימטע, שײנע שטאָט.
אויף אַ באָדן זאַמד־און־דאָרן
האָט אַמאָל אַ בליאַסק־געטאָן די שלאַנג פון גאָלד;
האָט זיך צעברענט די תאווה אין דײַנע אויגן
און זיך קיינמאָל ניט געשטילט.
אַזוי ביסטו געוואַקסן,
ווי דער דאָרן, שנעל און ווילד.

די ערד האָסטו פאַרשעמט,
און נישט קיין ברויט האָסטו פון איר געמאָנט,
נאָר גאָלד —
האָט זי געגעבן דיר, וואָס האָסט געמאָנט און האָסט געוואָלט...
האָט שטענדיק פאַר די אויגן דיר דאָס גאָלד געבלענדט,
דאָס לעבן דיר פאַרצערט
און דײַנע טעג און נעכט פאַרברענט.

„פּריסקאָ" האָט מען דיך מיט שפּאָט גערופן,
האָסטו שטאָלצירט און זיך וואויל־יונגעריש געפּילט —
דו ביזט געווען די הפקר־שטאָט
פון ביקסן־שאָס און שלייף פון שטריק;
די שטאָט פון שיכרות און פון זינד —

אויפן קאָרטן־טיש אין שענק ביי דיר
האָט יעדערער זיין גליק געוואונען און פאַרשפּילט.

אַזוי האָסטו געהוליעט בלינד און ווילד,
ביז פול געוואָרן איז די מאָס
פון דיינע זינד — —
האָט מאַמע־ערד, מיט צאָרן און פאַרדראָס
דיך געטאָן אַ הייב און אַ שליידער —
און אַ שאַר־אַראָפּ געטאָן אין תהום
דאָס גאַנצע רויב און דרויב, וואָס האָסט פאַרמאָגט,
און האָט פאַרמעקט, פאַרווישט דיין פאַלשן גלאַנץ
און צונישט־געמאַכט דיינע פאַלשע גליקן —
אַזוי דערציילן אונדז די ווינטן אין דעם ליד
אויף די סטרונעס פון די האַרפּן־בריקן . . .

אין זיבן פייערן האָסטו זיך געלייטערט.
אין פּיין און אַנגסט, אין ראַנגלעניש מיט זיך אַליין
האָסטו פון שטויב זיך אויפגעהויבן,
זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם פאַלשן רום
און זיך פון שלעכטס דערווייטערט.

דו האָסט אָנגעהויבן פון דאָס־ניי,
מיט קראַפט פון פרישן, יונגן גלויבן;
דו האָסט פאַרפלאַנצט דעם שלאַנקן,
שנעל־וואַקסנדיקן יוקאַליפּטוס־בוים
און איבערן ים אין רוים
האָסטו אַ וואָרף־געטאָן
אַ האַרפּן־בריק, אַהער,

אַ האַרפּן־בריק, אַהין,
און צוגעדעקט האָסטו דעם דאָרן און דאָס זאַמד
מיט גראָזן סאַמעט־ווייך און גרין.

— — — — — — — — — — — — — —

עפּעס האָט זיך מיר אַמאָל געחלומט
בעסאַראַביער סטעפּעס — —
און אַ שטעטל אין וואָלין — —
עס איז געוויס געווען אַ חלום
פון אַ קינד אַ טרוימער . . .
ווייל ד ו ביזט שטענדיק דאָך געווען מיין היים —
און אפשר האָסטו גאָר מיך דאָ פאַרפּלאָנצט
מיט דיינע יוקאַליפּטוס־ביימער . . .

וואו זיינען דיינע טויבן, סאַן־פראַנציסקאָ?

סאַן־פראַנציסקאָ,
שטאָט פון ערבֿ־שלום,
היים פון ערבֿ־פרידן!
פון באַנייטן צוזאָג;
אַז פון שווערדן,
וועט מען אַקער־אייזנס שמידן
איז נאָכאַמאָל געבליבן
באַר אַ שיינער פסוק
אין הייליק־בוך פאַרשריבן...

סאַן־פראַנציסקאָ,
שטאָט פון האָפענונג און גלויבן!
ווי, וואָס האָט דער מאַמאָן־גאָט
געטאָן מיט דיינע טויבן?
די כהנים דיינע
האָבן דיר געפעלשט דעם פרידן־זאָמען,
איז אויפגעגאַנגען אַ פאַרזיי
ביט פון ווייץ און קאָרן
באַר פון סם און קראָפּעווע
און שטעכעדיקן דאָרן...

אָ, סאַן־פראַנציסקאָ,
שטאָט פון ערשטע פרידנס־טריט!
איך קום צו דיר
מיט תּפילה אין מיין ליד —
איך קום צו דיר אויך מאָנען! —
עס האָבן פעלקער
זיך געגעבן דאָ די הענט
און געשוואוירן ביי די פאָנען;

איצט זע, די שבועה איז פאַרשוועכט
און געשענדט דיין גוטער נאָמען . . .

אָ זע!
דער שד פון געלט און מאַכט
דער שונא פונעם לעבן
טאַנצט שוין ווידער אויס זיין טאַנץ
פון שריפות אין דער נאַכט. —
ער האַלט די וועלט אין זיינע הענט
גרייט צו מאָרדן און צו רויבן.
אָ שטאָט, מיין שטאָט,
וואו זיינען דיינע פרידנס טויבן? . . .

פעטאַלומער יידן

באַלאַדע

*) פעטאַלומאַ, אין שפּאַניש, מיינט: קליינע בערגלעך. **פעטאַלומאַ** איז **אַ** גוט־באַקאַנטער ישוב פון יידישע פאַרמער, בעיקר פון הינער־צוכט, ניט ווייט פון סאַן־פראַנציסקאָ.

פעטאַלומער יידן

פעטאַלומאַ,
בערגלעך קליינע, בערגלעך שטילע,
קומט, אַ, קומט אַריין אין מיינע לידער!
כ'ווייס ניט, צי איר ווייסט אַליין אַפילו,
וויפיל רו און היילונג
עס געפינט ביי אייך דער גאַסט, דער מידער...

איר דערמאָנט אָן שרעגנגעס קעמלען,
ווי זיי וואָלטן שטיל, צופרידן
דאָ געלעגן און גערוט...
בערגלעך קליינע, בערגלעך שיינע,
זאָגט מיר, איידער כ'טו זיך מיט אייך שיידן,
זענט איר גוט צו מיינע פעטאַלומער יידן?
און זיי שמייכלען שטיל, באַשיידן:
— יאָ, מיר זיינען גוט!...

פעטאַלומאַ,
יעדע רגע, פון פרימאָרגן ביזן אָוונט,
בייטן דיינע בערגלעך די קאָלירן.
פאַרבן טוישן זיך, פאַרגייען;
קומען אויף, זיך ווידער צו פאַרלירן.
עס קאָנען מיינע אויגן זיך ניט זעטן
מיטן שימער־גאָלד און גרין פון טאָג
און אַלע פאַרבן — פיאָלעטן,
אין די שעהען פון פאַרנאַכטן.

מישן זיך די פאַרבן אויס צוזאַמען,
ביז מען קאָן שוין בוים פון בוים ניט אונטערשיידן
און קיין בערגל פון אַ בערגל, מער פאַנאַנדערטיילן. —
דאַן איז גוט צו זיצן דאָ און טראַכטן,
הערן, ווי די בערגלעך דיינע, פּעטאַלומאַ,
ריידן און דערציילן . . .

פון די יידן פּעטאַלומער,
ריידן און דערציילן דיינע בערגלעך,
ווי זיי זיינען פון אַ וועג, אַ לאַנגן און אַ מידן,
פון גרויסע שטעט און טומלדיקע גאַסן,
פון צען־פאַכיק שווערע יאָכן
און אַ ביטערן געראַנגל אין רוישיקע כאַאָסן,
זיינען זיי אַהער געקומען,
האַלב פאַרוואונדעט, האַלב צעבראָכן,
זוכן היילונג, זוכן רעטונג
פון גרויס־שטאָטישע פאַרדראָסן . . .

דאָרט, אין יענע שטעט די גרויסע,
אין געיעג נאָך פאַלשע גליקן,
ביים געקויש פון ניי־מאַשינען;
אין די קראָמען און פאַבריקן,
צווישן בערג פון אויפגענייטע קליידער
האָבן זיי צעוואָרפן, האָבן זיי פאַרלוירן
אָן אַ ציל און אָן אַ זינען
זייערע יונגע, טרוימענדיקע יאָרן . . .
האַלב דערשראָקן, האַלב פאַרלוירן,
זיינען זיי געקומען,
זיך געבעטן ביי דיביימער, ביי די גראָזן,
ביי די ווינטעלעך וואָס בלאָזן:
סטאַיעס פייגל,
בערגלעך קליינע, רונד אַרום און דאָ דערנעבן,
לערנט אויס אונדז ווי צו לעבן! . . .

ציען דאָך דיביימער פון דער ערד די זאַפטן,
לעבן דאָך די פייגל און זיי בויען זיך דאָ נעסטן, —
וועלן מיר זיך אויך דאָ בויען היימען
און מיט אייער מאָס, דאָס לעבן מעסטן. —
מאָס פון בוים און גראָז און זון און שטערן;
מאָס פון אמתדיקע ווערטן,
זיך און קינדער צו דערנערן,
מאָס פון זין און זיין און לעבנס־דויער —
זיי דו אונדזער עדות, הימל בלויער! . . .

ניט מיר ווילן דאָ ביי ווּעמען,
יענעמס מי פאַר זיך פאַרנעמען —
לאָמיר זיך דאָ ווי געהעריק נאָר פאַרפלאַנצן,
וועלן מיר אייך ניט פאַרשעמען . . .

האָבן גראָזן, ביימער, פי און פייגל,
ווינטל־בלאָז און בערגלעך קליינע
גאָר דערפרייט זיך:
קומט איר אַלע, פון די קלענסטע קינדער
ביז די עלטסטע זיידעס —
קומט און בויט זיך דאָ היימען,
וועלן מיר דאָ לעבן אַלע אינאיינעם —
זאָל די מאַמע ערד אונדז זיין אַן עדות . . .

אין פרימאָרגן, אין בייטאָגן,
צי אין שטילע אָונט־שעהען
הער איך, ווי די בערגלעך רעדן:
זאָלן יענע ווייטע בערג, די הויכע,
רייצן, רעגן און נישט לאָזן קיינעם רוען;
זאָלן יענע צו די וואָלקנס שטייגן
און זיך גרויסן מיט די שנייאיק־ווייסע קרוינען, —
אונדז איז ליב דאָ, וואו מיר זיינען,
אונדז איז גוט, וואו מענטשן וואוינען;

וואו עס וואַקסן קינדער
און וואו בלימלעך בליען;
אונדז איז ליב דאָ אומגעהייער
יעדער בוים און זיינע צווייגן,
יעדע האַנט וואָס טוט זיך מיען
איז אונדז ליב און טייער.

זאָל מיט יעדע בערג די הויכע
וועלטן קלינגען, וועלטן רוישן,
מיר דאָ זינגען לידער
פון דער ערד, דער גרינער
און פון פולע אייער־קוישן
ליד פון העכער און פון היינער,
לענדער, וועלטן צו באַשפייזן.
אונדז איז וואויל דאָ, וואו מיר זיינען,
וואו מיר קאָנען לעבן, שטיל, צופרידן
מיט די פעטאַלומער יידן.

פאַרשידענע לידער

דערפֿאַר וואָס ביזט גערעכט — ביזטו שטאַרק

(דרייסיק יאָר סאָוועטן־פֿאַרבאַנד)

1

ווער עס האַלט די אויגן אָפֿן, זעט
דאָס ביטערע געראַנגל וואָס דו פֿירסט
מיט די כיטרע שונאים פֿונעם לעבן.
און ווער עס ליגט אָן שלאָף,
פֿאַרהילט אין שלייער פֿון דער נאַכט,
דער הערט די טריט
פֿון דיינע היטער אויף דער וואַך.

רופֿסט יעדע זאַך ביים נאָמען אָן —
וואָס גוט איז גוט, וואָס שלעכט — איז שלעכט.
דו שטעלסט מיט זיכערקייט דיין טראָט
און וויזסט אויך אַנדערע דעם וועג;
און ווייל דער שונא ווייסט,
אַז שטאַרק ביזטו, ווייל ביזט גערעכט,
איז גרויס זיין צאָרן
און גרעסער נאָך זיין שרעק.

איך ווייס:
נאָך איז די שלאַנג, די גיפֿטיקע, נישט טויט
און וויי, ווי שנעל עס בייט דער שד זיין קלייד!
ער גייט אַרום פֿאַרשטעלט
און רעדט צו יעדן
זיינע זיסע, זיינע פֿאַלשע רייד;
און ס'לאָזט די שלאַנג איר גיפֿט אַריין אין ברויט
מיט וואָס מען שפּייזט די וועלט . . .

נאָר, דורך דעם שונאס פאַלש געשריי,
אין פויקנדיקן טומל, וואָס פאַרטויבט,
בענטשן פעלקער דיך;
און ווער ס'איז אָנגעשראָקן און באַרויבט,
דער ווענדט צו דיר מיט האָפענונג זיין בליק
און איך, אַ קינד פון אויסגעפרואווטן פאָלק,
שיק מיין ברכה דיר, מיין לויב.

— — — — — — — — — — — — —

ווער עס האַלט די אויגן אָפן, זעט
דאָס ביטערע געראַנגל וואָס דו פירסט
מיט די ביטרע שונאים פונעם לעבן.

2

טויזנט־יאָריקער געראַנגל, פאַרן אמת פונעם לעבן;
טויזנט־יאָריקער געפעכט פאַר מענטשנס רעכט —
דער לעבנס־טרוים,
דער אויפשריפט אויף מיליאָנען פאָנען
איז געוואָרן לעבנס־וואָר
אין דיינע דרייסיק ראַנגלענדיקע יאָר,
סאָוועטנלאַנד!

דו ביזט געווען דער חלום און דער ציל
פון דורות העלדן און מאַרטירער,
דו ביזט געווען די האָפענונג פון לעבנס־טרייע פירער, —
אַז דו וועסט זיין דער אמת, וואָס דו ביזט.
איצט וויזן דיינע דרייסיק ראַנגלענדיקע יאָר,
אַז די העלדן־דורות און מאַרטירער
זיינען ניט געווען אומזיסט —
סאָוועטנלאַנד!

דורות אומרעכט האָסטו אויסגעוואָרצלט.
מיט יעדן יאָר פון דיינע דרייסיק ראַנגלענדיקע יאָר
האָסטו געכופלט אויפטו און דערגרייכונג,
דורך מי, דורך ערלעכן פאַרמעסט פון מאַן און פרוי,
פון שוועסטער און פון ברודער.
און האָסט דעם דורות־לאַנג־געקריוודעטן
אַוועקגעשטעלט ביים רודער,
סאָוועטנלאַנד!

דו גייסט מיט פנים אָפענעם
קעגן אַלע שוואַרצע כוחות פונעם לעבן.
די בייזע כוחות שרעקן זיך פאַר דיר
זיי פעלשן אין דיין נאָמען,
זיי רייצן און זיי וועקן האַס און כעס צו דיר,
באַהאַלטן און פאַרשטעלט.
נאָר דו, אין דיינע דרייסיק ראַנגלענדיקע יאָר,
האָסט אויפגעדעקט דעם אמת פאַר דער וועלט —
סאָוועטנלאַנד!

דו ביזט די האָפענונג פון פעלקער,
דו ביזט די רעטונג פון מיין אייגן פאָלק,
דו ביזט דערמוטיקונג דעם שוואַכן,
און די אַרמייען דיינע וואַכן אומעטום,
אין עבר, איצט, און אין די קומענדיקע דורות.
דו טראָגסט אין זיך די קראַפט פון יאָר־טויזנטער,
עס שטראַלט אַ ליכט אַרויס פון דיינע דרייסיק ראַנגלענדיקע יאָר,
וואָס ווייזט דער וועלט דעם וועג אָן קלאָר —
סאָוועטנלאַנד!

דער יושרדיקער וועלט אַנטקעגן

(מיין פריינט און קאָלעגע אברהם ביק — אַ מתנה)

מעשים וואָס זינגען שירה — מעשים וואָס ריידן.
רייד, וואָס באַשאַפן, וואָס זיינען מתקן און טוען.
דורך די מעשים און די רייד — דורךביידן
זיג־זאָגט חריפות און בליץ פון דעם גאָון.

טראָגט דעם גורל פאָלקישן, פון געבורט, פון וויגל,
איז ווי מתנגדות קלאָר און הויכט מיט ברען פון חסיד.
ער טראָגט זיך אויף שטאַרקע, אויף אָדלערשע פליגל
צווישן דעם עבר, דעם איצט און דעם עתיד.

ער פאָרשט דעם וועג פון אַלטע פרייהייט־טרעגער,
ער האַלט זיך אָן, אָן אייביקן פון די אָבות.
ער פרעגט און איז אין בונד מיט אַלע פרעגער —
שאלות, ווייסט ער, זיינען שטרענג און מאָנען תשובות.

נאָר אמת און יושר, לאָזט די תורה אים הערן.
שטרענג איז זיין גאָט צו יענע וואָס רויבן.
זיין פאָן איז אַ בלויע, אַ רויטער — דער שטערן.
זיין גלויבן איז רעכט און גערעכט איז זיין גלויבן.

ער רעדט דאָס וואָרט פון פעלקער, פריי פון יאָכן.
ער מאָנט אחריות פונעם כלל און פון יעדערן באַזונדער.
ער פילט מיט יום־טוב אָן דעם גרויען אינדערוואָכן,
און ער געפינט אין טעגלעכן, אין פשוטן, די וואונדער.

ס'לעבן הייליקט ער און לעבט־אויף די הייליקע ביכער.
ער גייט מיט אימפעט איבער בערגיק־שווערע וועגן.
מוטיק איז זיין יונגער טראָט, געוואָגט און זיכער —
ער איילט דער פרייער יושרדיקער וועלט אַנטקעגן.

יעדנס יום־טוב

(צום 25סטן יוביליי פון דער „מאָרגן־פרייהייט")

איך גיי אַרום און זאָג צו יעדן: אַ גוט יום־טוב!
עס איז פאַר יעדן אונדזער יום־טוב־טיש געגרייט.
נאָך נישט אַלע טיילן אונדזער יאָך פון וואָכן,
זאָלן אַלע טיילן אונדזער יום־טובדיקע פרייד.

יעדנס נויט און זאָרג — אין אונדזער ערלעך וואָרט,
דאָך האָבן נאָר אַ טייל פאַרנומען אונדזער יום־טובדיקן רוף:
דאָס איז דער יום־טוב אויך פאַר זיי, וואָס זיינען ניט געקומען,
ווייל אַלע זיינען מיר, ווי גלידער פון איין גוף.

נאָר דער רשע, דער פאַררעטער, אונדזער שונא,
וואָס לייגט כסדר שטרויכלונגען אויף אונדזער וועג,
ער וועט פון פאָלק כסדר זיין פאַרשטויסן
און אייביק וועט ער זיין אין דרויסן פון אַלע יום־טובדיקע טעג.

איך גיי אַרום און זאָג צו יעדן: אַ גוט יום־טוב!
עס איז פאַר יעדן אונדזער יום־טוב־טיש געגרייט.
נאָך נישט אַלע טיילן אונדזער יאָך פון וואָכן,
זאָלן אַלע טיילן אונדזער יום־טובדיקע פרייד.

די שבועה

וואוהין ציען זיך די מענטשן־שטראָמען
מיט ערן־פורכט און ליבע פון אייביקן געדויער ?
וואָס הויכט אַזויפיל טרויער פון מענטשלעכע געזיכטער ?
ווער איז עס ד ע ר , וועמענס נאָמען זיי דערמאָנען ?
ווער איז ער, אָט דער גליקלעכער, דער מזלדיקער נאָמען ?

דאָס איז ע ר —
וואָס זיינע לעבנס־טעג האָט ער פאַראייניקט
מיט די לעבנס פון מיליאָנען, קעגן דעם וואָס הערשט און קעניגט.
ס'איז רוף זיין וואָרט געווען און זיינע רייד —
דאָס פלאַטערן פון פאָנען ;
דאָס האָט ע ר געלערנט דעם, וואָס האָט פון לעבן ווייניק,
ער זאָל פאָדערן און מאָנען.

פון וואַנען קומען אַלע די, וואָס שטעלן זיך אין רייען
מיט בלומען אין די הענט, ווי בליענדיקע אַלייען ?
ווער איז עס ד ע ר , וואָס ווערט פון קינד און קייט באַגלייט
צו רו צו אייביקער ? וואָס זאָגן זיי אים צו
מיט גליענדיקער פרייד, מיט טרערן אין די אויגן ?

זיי שווערן,
זיי, וואָס קומען פון די אָרעמע קוואַרטאַלן,
זאָגן זייער פירער צו, מיט פנימער וואָס שטראַלן,
אַז קיינמאָל וועט זיין פאָן די הייליקע
פון זייער האַנט ניט פאַלן.
ביז עס וועט זיך איבער גאָר דער ערד
דאָס פרייהייט־ליד צעשאַלן.

לאַנדסלייט

אַ וואָרט אַזאַ, וואָס קלינגט משפּחהדיק, ווי קרובים מחותנים.
עס בינדט דעם טומלדיקן איצט, צום עבר צו.
מען רופט זיך היימיש, יידיש, ביי דעם ערשטן נאָמען
און איינער מיטן צווייטן איז אויף דו.

עס קומט אויף זינען באָבעס זיידענע פאַטשיילעס
און גוט און וואַרעם ווערט אַזוי דערפון
ווען ס'טוט אַ פרעג ווער, וואו איז בלומע־באַשע־ביילעס?
אַט גייט שוין בענצי־בערישעס אַ זון.

מען רעדט צו דיר דורך אייגן לייב, דורך טאַטן און דורך מאַמען,
און יעדער, דאַכט זיך, קאָן דיך נאָך פון וויג.
מען טרינקט לחיים און מען זיפצט צוזאַמען
און טיילן טיילט מען זיך מיט אומגליק און מיט גליק.

מען לייענט אַ בריוו פון עמיצנס אַ שוועסטער עטל.
דער לייענער איז דער שטענדיקער — אַ בן הרב,
ווערט יעדן אַזוי נאָענט עטל פונעם וויטן שטעטל
און יעדער קוקט מיט ליבשאַפט אויף איר כתב.

מען גאַפט ווי קלוג זי שרייבט און יעדערער באַוואונדערט.
מעןווישט אַ טרער און אַלע פרייען זיך דערמיט.
טוט ווער אַ זאָג: זיי דאַרפן הילף! איך גיב די ערשטע הונדערט!
גייט יעדנס האַנט צום טאַש — און יעדער גיט.

מען נעמט אַ בילד צוזאַמען — אויגן פריידיקע וואָס שטראַלן
פאַמיליען־געמיש פון פנימער און הענט ;
מען גיט דאָס בילד אַריין אין לאַנדסמאַנשאַפט־זשורנאַלן,
מען זוכט אין בילד, מען פרייט זיך, אָט האָב איך זיך דערקענט.

לאַנדסלייט —
אַ וואָרט אַזאַ, וואָס קלינגט משפּחהדיק, ווי קרובים מחותנים.
עס בינדט דעם טומלדיקן איצט, צום עבר צו.
מען רופט זיך היימיש, יידיש, ביי דעם ערשטן נאָמען
און איינער מיטן צווייטן איז אויף דו.

צוויי לידער פון דער דראַמע:
„דער בונט פון די איכן"

1

דאָס ליד פון דעם שיכור

פֿאַלש איז די פרוי פון געבוירן,
אוי, וויסט איז און פינצטער מיין וועלט;
מ י ר האָט זי טרייהייט געשוואוירן,
געמיינט אָבער האָט זי מיין געלט.

ס'האָט מיך פאַרלאָזן די קליפּה,
קומען איצט מלכות צו מיר:
ציילעם און לעקעך און שיפּע,
און ס'קומען אַמאָל אַלע פיר.

זי איז מיט אַ צווייטן אַנטלאָפן,
דאָך טוט מיר נאָך איר אַזוי באַנג.
כ'ליג מיט די מלכות זיך שלאָפן
און איך חלום אין שלאָף פון דער שלאַנג.

2

דאָס ליד פון לייב

איז נישט פאַרקנסט,
איז אָן אַ רינג!
אַבי נאָר ווײַן
איז טרינק און טרינק.

ביזטו מײַן מאַן,
בין איך דײַן ווײַב.
פאַרלעש דאָס ליכט
וועט ליכטיק זײַן
פון מײַן ברענענדיקן לײַב — —

ניטאָ פאַר מיר קיין דין, קיין צאַם.
אויב דו ביזט שטאָל
בין איך דער פלאַם.
איך בין דער פלאַם,
און אויך דאָס שטאָל צעגליט
וואָס וואַרט פאַר צוואַנג און האַמער־ליד.
איך בין דאָס שטאָל און דו דער שמיד — — — —

עס שלאָגט דײַן האַרץ
ביי מיר אין שלייף;
דאָס ראָד בין איך
און דו די רייף — —
צי אָן צעגליטע רייף אויף ראָד
און אום זאָל ווערן פון דעם גראָד
אין פייערדיקן קאַראַהאָד.

יונגוואַרג

דער גוטער אייב

קינדער־באַלאַדע

אייב לינקאָלן פון אילינאָי,
וועמען איז ער נישט באַקאַנט?
אייב לינקאָלן פון אילינאָי
איז באַוואוסט אין יעדן לאַנד.

וואו אַ שטאָט און וואו אַ הויז,
טאַטעס, מאַמעס, קינד און קייט,
ווען מען רעדט זיין נאָמען אויס —
שטראַלן פּנימער פון פרייד.

ר'האָט זיך צוגעהערט צו יעדן
און געררעדט אין גוטן מוט, —
מענטשן האָבן ליב געהאַט דערציילן,
ווי ר'איז קלוג געווען און גוט.

ר'האָט זיך קיינמאָל ניט געבויגן
צו דעם שטאַרקן, וואָס איז רייך.
נאָר זיין ה ו י ך האָט ער געבויגן —
מיטן קלענסטן צו זיין גלייך.

אויף די פּלייצעס — זאָרג פאַר יעדן,
גוטע לאַנגע שטאַרקע הענט
און אַ פּנים פון אַ טאַטן,
אַזאַ טאַטע־פּרעזידענט.

1

אייב אין נאַב קריק

איז אייב, דער גרויסער פּרעזידענט,
אַמאָל געווען נאָך גאָר אַ קינד
אין אָרעמע פיר קעבין־ווענט,
אַ קינד פון אָרעם הויזגעזינד.

דער טאַטע טאָם, אַן אָרעמאַן,
מיט האַק און האַמער און מיט זעג
דורך ווילד קענטאָקי, שפּאַן נאָך שפּאַן,
האָט דורכגעבראָכן זיך אַ וועג.

געהאַט האָט טאָם מיט זיך אַ ביקס,
פון ביקס אַ שאָס, פון האַק די קלעפּ,
און טראָט נאָך טראָט דורך ווילד געוויקס,
דורך וועג: „געפּאַר" און דורך דעם „געפּ".

ביז ר'האָט דערגרייכט צום אָרט: „נאַב־קריק"
(דעם אָרעמאַן קומט קיין זאַך גרינג),
האָט ער געבויט דאָרט זיין גליק
און דאָס גערופן: „ראַקי־ספּרינג".*)

און נענסי איז זיין פרוי, זיין טרויס,
און אייב און סערא — קינדער צוויי.
האָט ער געטעסעט בוים נאָך בוים
און ברעט נאָך ברעט — אַ היים פאַר זיי.

---

*) דער נאָמען פון דער פאַרם: „פעלדזיקער קוואַל". אייב לינקאָלנס ערשטע היים אין קענטאָקי.

פיר ווענט, אַ דאַך, דאָס איז ניט פיל,
נישטאָ קיין טיר, נישטאָ קיין שוועל
און ס'איז נישטאָ פון האָלץ קיין דיל,
דערפאַר האָט טאָם, פון יאַגד פיל פעל, —

פון בערן־פעל געבעט אַ בעט,
אַ פעל פאַרהענגט די טיר,
און הירשן־פלייש, אויך אָפט צו זעט,
פאַרן הויזגעזינד פון פיר.

און אַ קאַמין האָט טאָם געבויט
פון פראָסטן שטיין מיט זיינע הענט,
און האָט אין וואַלד דער ווינט געוואָיעט,
האָט אין קאַמין דאָס האָלץ געברענט.

די מאַמע זיצט ביים שיין פון פלאַם,
אויף אירע הענט אַ פאַס פון ליכט,
און אירע האָר — אַ ברוינע ראַם
אַרום איר בלאַס און צאַרט געזיכט.

זי זינגט, און אייבי גאַפט און הערט,
עס הערט דער פלאַם אין דעם קאַמין;
דער רויטער גלי, ווי בלאַס ער ווערט,
דער פלאַם פאַרגייט, ווער ווייסט וואוהין?

דער טאַטע שלאָפט, פון אַרבעט מיד,
און סעראַ שלאָפט, נאָר אייב איז וואַך,
אין האַרצן נאָגט אַ פלאַם און גליט,
און שטערן פינקלען דורכן דאַך.

עס טאַנצן ווערטער אין דער לופֿט,
ווי „שקלאַף", און „רעכט", און „לאַנד", און „פֿאָן",
און דאָס געזאַנג, עס וועקט און רופֿט:
וואַקס שנעלער אייב, דאַרפֿסט וואונדער טאָן!

און נאַכט נאָך נאַכט, און טאָג נאָך טאָג,
די מאַמע טראַכט: אוי, וואַקס, מיין זון,
דער טאַטע לאַכט: ער וואַקסט, ער יאָגט!
און מאָדנע גוט פֿילט אייב דערפֿון.

2

אייב אין אינדיאַנאַ־שטאַט

הויך אין וואוקס איז אייב געווען, כאָטש נישט מער אַלט
ווי זיבן יאָר — געגאַנגען אויפֿן אַכטן.
האָט ער געהאָלפֿן שוין דעם טאַטן ביים געהילץ אין וואַלד
ביז די שפּעטע טונקעלע פֿאַרנאַכטן.

דאָס איז געווען אין יונגן אינדיאַנאַ־שטאַט,
דאַן — דער נייַנטער פֿון די שטאַטן.
אַהין איז אייב געקומען מיט זיין שוועסטער סעראַ,
מיט זיין מאַמען, מיט זיין טאַטן.

ער איז געגאַנגען מיט זיין שוועסטערל, וויַיט, צופֿוס אין שול,
די מאַמע פֿלעגט פֿאַרטאָג אַרויסבאַגלייטןביידן.
טאָם האָט ליב געהאַט צו לערנען און פֿאַרשטיין
ווערטער, וואָס ער הערט די גרויסע ריידן.

ווערטער: „שוואַרצע — שקלאַפֿן", „האַר" און „וויַיסער אָרימאַן"
און ווערטער: „מזרח, מערב, צפֿון, דרום"
און וואָס איז לענדער, שטעט און וועלט;
וואָס הייסט: רייך" און וואָס הייסט: „אָרעם"?

פון דער אַלטער ביבל מעשות, נעמען אָן אַ צאָל,
הערט ער אָפּט זיין מאַמע נענסי לייענען,
און וויינען, וויינט זי אויכעט אָפּט — פאַרוואָס ?
פאַרוואָס וויל ער אויכעט דעמאָלט וויינען ?

ער לערנט פלייסיק, ס'איז אים קיינמאָל ניט צופיל.
ער וואָלט וועלן לערנען מערער, מערער — —
לערנט ער זיך אויך אין צייט פון שפּיל.
דער לערער האָט אים ליב און ער האָט ליב דעם לערער.

ער גייט בייטאָג אַ באָרוועסער אַהיים,
אַמאָל איז הייס, אַמאָל איז ווינט און רעגן —
איבער סטעזשקעס קרומע און אויף גראָז און שטיין,
ווייל עס זיינען נאָך ניטאָ קיין וועגן.

קומט ער, אייב, בייטאָג פון שול און העלפט דעם טאַטן
שניידן צווייגן, טעסען ברעטער,
ווייל עס האָט נאָך דער קעבין נישט געהאַט קיין דאַך,
נאָר פיר ווענט, פאַרדעקט מיט בלעטער.

שפּעט אין אָוונט האָט דאָס הויזגעזינד
געגעסן אָרים אָוונט־ברויט צוזאַמען.
אייב און סערא וואַשן דאָס געפעס,
זיי העלפןביידע זייער מאַמען.

* * *

סערא שלאָפט, די מאַמע נענסי אויך,
עס איז געווען סוף זומער דאַן. —
אין טיפן שלאָף ליגט לינקאָלן טאָם,
איבס טאַטע און נענסיס מאַן.

ניט געשלאָפן איז דער יונגער איב,
נאָר געלעגן וואַך ביז שפּעט.
אַ געלעגער אויף דער ערד
איז געווען דאַן זיין בעט.

האָט יונגער איב זיך צוגעהערט
צום געזאַנג פון נאַכט און וואַלד
און געוואַרט, אַז די לבנה זאָל
אין הימל זיך באַווייזן באַלד.

זיך באַווייזן איבער יענעם שטיקל דאַך,
וואָס איז נ י ש ט געווען פאַרדעקט. —
דאָרטן בלייבט זי שטיין און פרעגט:
שלאָפסט נישט איב? דו ביזט נאָך וואַך?

איב איז וואַך, ער ליגט און וואַרט,
ביז זי קומט צו יענעם אָרט
און זי שיינט צו אים אַראָפּ
און זי פרעגט אים, וואָס ער גאַרט.

וואָס איך גאַר? און וואָס איך וויל?
לבנה, זאָג, וואָס איז עס פאַר אַ שיין,
וואָס דרינגט צו מיר אין האַרץ אַריין,
ווען איך ליג אויף מיין געלעגער שטיל.

שווימסט אַרום פֿון אייביק אָן,
זעסט אַזױפֿיל און דו ווייסט. —
עפּעס וויל איך, עפּעס דאַרף איך טאָן
און איך ווייס נישט, וואָס ס'הייסט.

עפּעס הער איך אַ געזאַנג און אַ געוויין,
אין פֿויגל־טרעל, אין זשום פֿון בין;
עפּעס דאַרף איך ערגעץ גיין,
נאָר איך ווייס נאָך נישט וואוהין.

איך ברעך די צוויַיג, זי קרעכצט, איך ווייס;
איך הער אַ זיפֿץ ווען כ'טרעט אויף גראָז. —
מיין גוטער טאַטע טאָם — וואָס מאַכט אים בייז?
די מאַמע וויינט, זי זיפֿצט און וויינט — פֿאַרוואָס?

אַך, לבנה, שווימסט אַרום פֿון אייביק אָן,
ווען דו וואָלסט מיט מיר זיך נאָר געטיילט,
ווען דו וואָלסט מיר נאָר דערציילט,
וואָס דו ווייסט, און וואָס כ'זאָל טאָן!

3

וואָס די לבנה האָט אייבן דערציילט

מיט אויגן אָפֿענע געלעגן איז אייב
ביז שפּעט אין דער זילבערנער ליכטיקער נאַכט,
געהערט וואָס די לבנה רעדט און דערציילט,
צי ר'האָט גאָר געחלומט, האַלב־דרימלענד, האַלב־וואַך:

— „פון אייביק, אייביק־אָן, דו ווייסט עס אַליין,
אַז כ׳שווים, אַהין און צוריק, דאָ איבער דער ערד,
אוי, וויפיל געלעכטער און וויפיל געוויין,
איך האָב שוין געזען, געזען, און געהערט.

איך קאָן ניט אַלץ דערציילן דיר אין רייד
וואָס איך זע אויף מיין גאַנג און איך הער,
געזען האָב איך ליבע, געזען האָב איך פרייד,
נאָר טרערן, אוי טרערן, געזען האָב איך מער!

ווען מענטש צו מענטש איז גוט, געטריי און גלויבט,
דאָן זע איך פרייד, דאָן זע איך יום־טוב דאָרט ביי זיי.
ווען מענטש צו מענטש איז שלעכט און קריגט און רויבט,
דאָן הער איך קריצעניש פון ציין און ווי געשריי״.

ליגט אייב און הערט, ווי אין אַ ווייטן טרוים,
מען ווײַנט און עמיצער זיין נאָמען רופט.
אַ מורמלען אין די צווייגן פון אַיעדן בוים,
אַ זיפצן שטיל פילט־אָן אין רוים די לופט.

— „איך האָב אין מצרים, אין קנעכטשאַפט געזען,
דאָס יידישע פאָלק האָט אין פיין און אין נויט,
אין זאַמדיקן מדבר, אין היץ און אין ברען
פאַר פרעה דעם קעניג פיראַמידן געבויט.

דיין מאַמע, זי לייענט, דו הערסט און דו ווייסט,
זיי האָבן געזיפצט דאָרט אַ לאַנג־לאַנגע צייט,
געקנאָטן דאָס ליים אין דעם אייגענעם שוויס,
ביז געקומען איז משה און האָט זיי באַפרייט״.

און ווידער הערט איוב, ווי מען רופט אַזוי צאַרט:
אַ, איבראַהעם — איבראַהעם, איבראַהעם, הער!
אויך דאָ, אין דיין לאַנד, פאַרשקלאַפט איז אַ פאָלק,
עס וואַרט אויף באַפרייאונג פון יאָך אַזוי שווער.

— „געזען האָב איך, איוב, אין אַפריקע שוין לאַנג,
ווי מ׳האָט נעגערס געכאַפּט און אין קייטן געשמידט, —
דאָס איז דאַן געווען דעם ווייסן מענטשנס געפאַנג,
ר׳האָט דאָס לייב זיי געשטעמפּלט, מיט אייזנס צעגליט. —

אַ סחורה צום האַנדלען מיט מענטשלעכער מי,
געפּאַקט זיי אין שטייגן, פאַרשלאָסן, פאַרשרויפט;
געפירט זיי אין שיפן פון לאַסט און פון פי,
אין פרייהייט־לאַנד זיי פאַר שקלאַפן פאַרקויפט.

כ׳געדענק דאָס געוויין, וואָס ס׳האָט שטיינער גערירט,
פון קינדער געכאַפּטע, אַ, ענגלאַנדס שאַנד!
מ׳האָט זיי ווי סחורה פאַרקויפן געפירט,
פאַר דינער און דינסטן, דאָ אין דיין לאַנד“.

איוב ליגט און ער הערט: צי איז עס דער ווינט?
צי איז עס אַ זיפצן פון מאַמעשן פּיין?
צי שאַרכען די בלעטער? צי עס וויינט גאָר אַ קינד?
און ס׳דרינגט דאָס געוויין טיף אין האַרצן אַריין.

און איבערן אָפענעם דאַך פון קעבין
די לבנה אַ ליכטיקע צויבערט און רעדט:
דו יינגל, דו בעסטער פון אַמעריקעס זין,
וואָס וואַכסטו? וואָס טראַכסטו ביינאַכט אַזוי שפּעט?

צי טראַכסטו: באַשאַפן דאָך זיינען מיר גלייך
און יעדער דאַרף קריגן זיין טייל גליק און פרייד,
דאָך אייניקע זיינען דאָ גליקלעך און רייך
און אַנדערע שטאַרבן אומגליקלעכערהייט.

אַט אַרבעט דיין טאַטע פון פרימאָרגן ביז שפּעט
און וואָס דען פאַרדינט ער? וואָס איז דען זיין לוין?
קיין שיך ניט, קיין קלייד און קיין בעט,
און זע נאָר דאָס הויז אין וועלכן איר וואוינט!

דו יינגל ביזט קלוג, דו יינגל ביזט וואַך
און ערלעך ביזטו און אויך ביזטו גוט
און חלומסט און גאַרסט נאָר צו וויסן אַ סך
און פרעגסט אומדערשראָקן — ביזט אַ יינגל מיט מוט.

געדענק, אַז דו קומסט פון דעם אָרימען שטאַם,
פון יענע ביי וועמען דער רייכער נעמט צו,
איז וואַקס אויס אַ שטאַרקער, אַ מוטיקער מאַן,
און פיר און באַפריי, אייב לינקאָלן, דו!"

* * *

אויף זיין אָרים געלעגער ליגט אייב שטיל און קלערט
צי וואַכט ער? צי זאָל עס אַ חלום גאָר זיין?
אים דאַכט זיך, ער וואַקסט און אַלץ גרעסער ער ווערט
און ער שפּאַנט אַזאַ הויכער אין זילבערנעם שיין.

ער גייט און עס פינקלט אַ טרער אויף זיין ברעם
און עפּעס אַ בענקשאַפט אין האַרץ ביי אים גליט.
גייט ער אַלץ ווייטער אַוועק פון זיין היים
מיט שנעלע, מיט גרויסע, מיט זיכערע טריט.

ער גייט און ער ווייסט נאָך אַליין ניט וואוהין.
אים טרייבט זוי אַ בייטש נאָר דאָס וואָרט: „שקלאַפעריי",
און עפּעס אַ שטימע ברוינט מעכטיק אין אים:
ניט שרעק זיך פאַר קייטעם, דו גיי און באַפריי!

* * *

אַזאַ הויכער, אַזש פון הויכקייט זיך געבויגן,
מילד ווי פרילינג־ווינט און שטאַרק ווי אַ לייב,
אַ ריז אַזאַ, מיט קלוגשאַפט אין די אויגן.
גוטע מענטשן האָבן אים גערופן: „גוטער אייב",
שלעכטע — האָבן פאַר זיין גוטסקייט אים געהאַסט;
שטענדיק האָט ער אומעטיק געשמייכלט
און מיט יעדערן געשפּאַסט.

אין אָרעמקייט געבוירן, אין נויט דערצויגן,
מיט צוויי שטאַרקע אַרבעטזאַמע הענט,
האָט ער פאַרן רייכן האַר זיך ניט געבויגן.
און געזאָגט האָט אייב, ווען ר'איז געוואָרן פּרעזידענט,
אַז צום פאָלק באַלאַנגט וואָס עס טוט און שאַפט
דער מענטש!
האָבן אים דערפאַר די רייכע לייט געשאָלטן,
ס'פאָלק — האָט אים געבענטשט.

האָט אייב געדינט זיין לאַנד, ווי אַ זון אַ טרייער.
האָט דעם נעגער־שקלאַף באַפרייט פון ווייסן האַר,
ווייל אַלע מענטשן דאַרפן גלייכע זיין און פרייע.
האָבן אים די שלעכטע לייט געטויט דערפאַר!
נאָר רעדן, רעדט דאָס פאָלק, אַז נאָר אַזוי
דאַרף זיין אַ פּרעזידענט, ווי ס איז געווען
אייב לינקאָלן פון אילינאָי.

אַמאָל איז געווען און איך איצט זיינען דאָ

(חנוכה־ליד פאַר קינדער)

אַמאָל איז געווען אין דעם גריכישן לאַנד
אַ קעניג, אַ רשע, וואָס האָט דורכאַנאַנד
צעשטערן געוואָלט אונדזער היים, אונדזער פרידן.
אַמאָל איז געווען, און איך איצט זיינען דאָ
פיל הערשער, וואָס ווילן אונדז מאַכן צו שאַנד,
וואָס ווילן נאָר שלעכטס טאָן אונדז יידן.

אַמאָל האָט דאָס פאָלק זיך אין פרייד און אין נויט
אַ טעמפּל, אַ שיינעם — אַ מקדש געבויט.
פאַרשוועכן! — געקומען באַפעל איז פון קעניג דעם פרעכן.
אַמאָל איז געווען, און איך איצט זיינען דאָ
די היטלערס, וואָס ברענגען נאָר אומגליק און טויט,
און ווילן דאָס ריינסטע פאַרמיאוסן, צעברעכן.

געווען איז געווען אין לאַנד ביי אונדז דאַן
מתתיהו, אַ כהן, אַ העלדישער מאַן;
אַ זון צו זיין פאָלק און אַ טאַטע געטרייער.
אַמאָל איז געווען, און איך איצט זיינען דאָ
פיל ליכטיקע פירער, איך העלדן פאַראַן,
וואָס גייען פאַר פרייהייט אין פייער.

פינף זין האָט מתתיהו דער כהן געהאַט,
האָט ער זיי געליבט, ווי זיין פאָלק און זיין גאָט;
פינף זין ווי די לייבן און גוטע ווי טויבן.
עס זיינען געווען, און איך איצט זיינען דאָ
פיל זין און פיל טעכטער, וואָס זייער געבאָט
איז: היטן ווי וועכטער, פאָלקס־פרייהייט און גלויבן.

אַמאָל איז אַ מסור, אויף שונאס באַפעל,
געגאַנגען פאַרשווערכן פון טעמפּל די שוועל,
האָט בליץ־שנעל די שווערד אים דעם כהנס געטראָפן.
פאַררעטער געווען, און אויך איצט זיינען דאָ,
וואָס גרייכט ניט די שטראָף זיי, באַלד דאָ, אויפן שטעל,
וועט פריער צי שפּעטער, דאָס פאָלק זיי באַשטראָפן.

דער טאַטע פאַראויס, קעגן שונאס ארמיי,
מיט אים, זיינע זין, און דאָס פאָלק איז מיט זיי,
און יעדער פון פאָלק איז אַ העלד אַן אַרמייער.
געווען איז אַ שלאַכט, און עס גייט נאָך איצט אָן —
די שלאַכט פאַרן פאָלק,
עס קומען און קומען
אַ דור נאָך אַ דור
און זינגען וועט זיגן, דאָס פאָלק־מאַקאַבייער.

פרילינג — פסח — יום־טוב מאַי

פריי־זיין איז אַ גרויסער יום־טוב —
אַ גוט יום־טוב ערשטער מאַי!
ערשטער מאַי איז יעדנס יום־טוב,
אויך פאַר דעם וואָס איז ניט פריי.

פרילינג איז אַ גרויסער יום־טוב,
ביימער, צווייט און שפּילערייַ —
קומט אַרויס אין גאַס, ס'איז פרילינג,
יום־טוב פרילינג, ערשטער מאַי.

פסח איז אַ גרויסער יום־טוב —
ס'איז אַ פאָלק געוואָרן פריי.
פסח, פרילינג, פאָלק און פרייהייט —
אַ גוט יום־טוב ערשטער מאַי.

יום־טוב שפּילט מען שפּילערייען —
קינדער, קומט אין גאַס, אין פעלד.
פון די פעלקער אַלע קינדער
שליסט אַ ראָד אַרום דער וועלט.

שליסט אַ ראָד און זינגט צוזאַמען
ס'איז אַ יום־טוב צו זיין פריי —

יום־טוב פסח, יום־טוב פרילינג,
אַ גוט יום־טוב ערשטער מאַי.

טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער,
קומט פון דאָרף, פון פעלד, פון שטאָט.
גיט די הענט זיך גיט זיך שלום,
שליסט אַ רינג אַרום דער ראָד.

וואָס מיר קאָנען טאָן צוזאַמען,
קאָן נישט טאָן דער גרעסטער העלד.
לאָמיר שליסן הענט אין שלום,
וועט זיין שלום אויף דער וועלט.

שלום, פרייהייט, פסח, פרילינג,
לעבן לעבט מען ווען מ'איז פריי.
פעלקער זאָגן זיך: גוט יום־טוב
אין דעם פעלקער־יום־טוב מאַי.

עס קומט אַ מענטש אין וואַלד אריין
זיד ראַטעווען

1

עס ווײנט דער מענטש — ער קאָן נישט אָטעמען

נאַכט און וואַלד —
סודותדיק געמורמל אין די בלעטער.
שטערן קוקן ליכטיקע און גרויסע
דורך די צווייגן, ווי פאַרוואונדערט:
ווי קומט אין מיטן שווייגן פון דער נאַכט
אַ מענטש אַהער?
וואָס ציטערן די ליפּן זיינע, ווייטיקדיק צעקרומט?
וואָס מורמלט ער? וואָס בעט ער? — — —

אַ מענטש —
אַ שטיקל ווייטיק פון דער גרויסער שטאָט. —
ס'האָט ווער, אין ווילדן יאָגעניש נאָך גאָלד,
נאָך דעם וואָס דאָרטן רופט מען:
זיכערקייט און גליק,
אַ שטעל־אַרויף געטאָן אַ פוס,
אַ טראָט אַ שטיינערנעם
אויף זיין האַלדז און ברוסט —
איצט שטייט ער דאָ און הוסט — דער מענטש,
ער קאָן נישט אָטעמען . . .

דער מענטש! —
דער אַלץ־איבער־אַלץ,
דער זין און דאָס זאַלץ פון דער ערד — —
ער, וואָס קלערט און טראַכט:
ער האַלט די וועלט אין זיינע הענט.
ער, וואָס מיינט, אַז ר'איז איבער אַלץ דער האַר,

אָט שטייט ער דאָ אין וואַלד, דער נאַר,
און קאָן ניט אָטעמען . . .

דער מענטש! —
ער איז פון שטאָט אַוועק,
אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען
און מיטגעבראַכט אין זיינע אויערן
אַ רעווען און אַ ליאַרעמען פון מעש . . .
פייער־שילדן פאַר די אויגן זיינע,
צינדן זיך און לעשן:
אין די שלייפן האַמערן
שווערע קלעפּ,
פון שרייענדיקע נייעס־קעפּ
און ציפערן און ציפערן און ציפערן
פילן אָן דעם רוים, —
זיי פליעסקען צו און ליאַרעמען און שרייען
און שטעלן צונגען אים אַרויס
און דרייען זיך אַרום זיין גוף,
וואָס בויגט זיך אויס
און דרייט פון ווייטיק זיך צונויף אין דרייען.
ער ליגט און בעט אָן ווערטער שוין
און רופט צום וואַלד און רופט:
לופט — לופט — לופט —
ער, וואָס האָט געמיינט, אַז ער קאָן אַלץ,
ער וויינט —
ער קאָן ניט אָטעמען . . .

2

וואָס האָט מען פון דעם לעבן דאָרט געמאַכט ?

דער אוראַלטער רויטער בוים,
די סאָסנע און דער דעמב
האָבן זיך ווי צוגעהערט
און געמורמלט שטיל און ווייך. —
צניעותדיק און פרום
האָט אַקאַציע געשפּרייט אַ צאַרטן זיסן ריח
עס האָבן בלעטער צו די אויפגעוואַכטע גראָזן
שאַרכנדיק גערעדט.
און דורך די צווייגן האָט אַ ווינטעלע געבלאָזן
אויף דעם קראַנקן מענטשנס פּנים,
אים רחמנותדיק געגלעט
און באַרואיקט מיט געבעט:
איך האָב פון וואַלד און נאַכט
אַ היילונג דיר געבראַכט. —
אָטעם, אָטעם מענטש . . .

האָט מענטש די אויגן אויפגעעפנט און פאַרמאַכט
און קוים אַ צי־געטאָן דעם אָטעם . . .
ער איז געבליבן ליגן ווי פאַרטאַיעט.
אים דאַכט, אַז קילע צאַרטע פרויען־הענט
באַרירן אים דאָס פּנים:
ווישן פון זיין שטערן אָפּ די טראָפּנס שווייס, —
און שטערן גרויסע, גאָלדענע
קלינגען אויס אַ תפילה און אַ טרייסט
און פילן אָן דעם רוים
מיט גאָלדיק דינע שטויבן — —

ווען ניט דער שטיין — ווען ניט דער שטיין,
וואָס ליגט אים אויף דער ברוסט און דריקט,
ער פילט ווי ס׳וואָלט אַ האַנט
דעם שטיין פון האַרץ אים אויפגעהויבן
און אַראָפּגעלאָזט צוריק . . .

שעהען האָבן זיך געצויגן,
עפּעס איז ער גאָר אינגאַנצן ווי געוואָרן גרינגער,
ווי ער וואָלט אויף וואָלקן שוועבן,
ווי ער וואָלט אין לופט זיך וויגן . . .
פידל־סטרונעס שפּינען אויס און וועבן
אַרום אים אַ ניגון.
אַלטע, שטאַלטנע ביימער
בויגן איינס צום אַנדערן די קעפּ
און זיפצן שטיל און פרעגן:
וויי, אוי־וויי, וואָס זיי צעטועו דאָרטן מיטן מענטשן!
וואָס האָט מען פון דעם לעבן דאָרט געמאַכט?
קליינע, בויגיק־ווייכע ביימלעך און די גראָזן
שאָרכען שטיל און שושקען:
ששש — ששש — ער רוט, ער רוט, ער שלאָפט.
אַ גוטע נאַכט . . .

3

דער מענטש חלומט אין וואַלד פון דער גרויסער שטאָט

עס איז אין וואַלד געווען שוין טיפער טאָג,
די זון האָט אויסגעפלעקט מיט גאָלד און גלי
דאָס גרין פון וואַלד,
ווען ס'האָט דער מענטש פון שטאָט
די אויגן אויפגעמאַכט.
די לופט איז פול
מיט איבער־רוף פון פויגל־מין צו פויגל־מין,
מיט קלאַנג־געזאַנג און פלאַטער־פלי;
מיט פלינקן שפרונג פון וועווריק,
מיט מוראַשקע און ווערימל און שמעטערלינג און בין
מיט טשיר־טשיר־טשיר —
פון פויגעלעך ערשט געבוירענע אין נעסט.

עס זיצט דער מענטש פון גרויסער שטאָט פאַרגאַפט,
ווי אַ מענטשעלע אין אַ מעשה־בוך,
וואו עס ווערט דערציילט פון אים
אַ מעשה מיט אַ נס . . .
עס האָט זיך אַלץ אין לאַנגן שלאָף אַזוי פאַרמישט . . .
ער דערמאָנט זיך עפּעס און פאַרגעסט,
דערמאָנט זיך און פאַרגעסט — —
און אַלץ, וואָס גייט פאַרביי זיין בליק
איז, דאַכט זיך, ערשט געוואָרן
און וואָס ס'איז פריער געווען איז נישט . . .
ס'איז מ ע ש ה ־ וועלט, —
אין האַרצן העלט אַ שטראַל אַזאַ,
אַ ניי־געבוירן ליכט.

ער הערט,
ווי אַלץ אין וואַלד,
פון העכסטן בוים, ביז דעם ווערימל וואָס קריכט
דערציילט — דערציילט — דערציילט —
ווי מ'האָט אין וואַלד אַ מענטשעלע געהיילט . . .

ער זיצט און הערט —
ביז אים באַפאַלט אַ מידקייט זיס,
אַ דרימל.
עס קומט פון ערגעץ ווייט, אַ טומל, אַ געדויש,
אַ טופּעניש פון פיס,
וואָס מישט זיך אויס מיט זינג־זאַנג פונעם וואַלד.
ווי דורך פייערדיקע נעבלען,
מענטשן־מענגעס שטראָמען איילנדיק.
אָט זעט ער זיך אַליין דאָרט גייענדיק צווישן זיי, —
אַ מידער טרעט ער,
קוים עס שלעפּן זיך די פיס.
אוי, מענטשן, לויפט ביט, מענטשן!
רופט ער, בעט ער,
עס שטעכט אין האַרצן, — יעדער שטאָך — אַ שפּיז,
נאָר עס ווערט זיין קול צעטראָטן
אונטער טופּענדיקע פיס . . .
די מענגעס הערן ביט, זיי גייען,
שטויסן אים און וואַרפן אים —
ער פאַלט! —
ער עפנט אויף די אויגן אַ צעשראָקענער,
עס טונקלט שוין אין וואַלד . . .

4

דער מענטש באַטראַכט צום ערשטן מאָל דעם וואַלד

עס גייען טעג און נעכט פאַרביי.
עס פילט דער מענטש פון שטאָט:
ער איז געזונט, ער אָטעמט פריי.
ער שטייט און קוקט און עפּעס נאָגט אין האַרץ,
ער ווייסט נישט וואָס.
ער זעט נאָר גראָז און בוים און בוים און גראָז
און הערט נאָר ווייך געוויש און פויגל־קלאַנג
און קאָן אַליין גאָר נישט פאַרשטיין,
וואָס טוט עס אָט דאָס אַלץ,
וואָס שטייט אַ וואַלד און פּוסטעוועט אַזוי? . . .
אים דאַכט, ער זעט דעם וואַלד צום ערשטן מאָל, —
אָט באַלד, אָט באַלד
פאָרט ער צוריק אין יענער גרויסער שטאָט,
באַטראַכט ער איצט, אין לעצטן טאָג,
צום ערשטן מאָל, אַ ניכטערער דעם וואַלד.

ער גייט אַרום און רייסט דעם קאָפּ אַרויף
און מעסט מיט אויגן אויס דעם רוים.
ער דרייט זיך, דרייט מיט אויסגעשפּרייטע הענט
אַרום אַ בוים און מעסט — און מעסט —
און ציילט און רעכנט אויף פּאַפּיר:
אַזויפיל און אַזויפיל ברעטער פון אַ בוים . . .
ער בלייבט אַ רגע שטיין פאַרזאָרגט און טראַכט:
און איצט, וואָס טוט מען מיט אַזויפיל בלעטער?

ער טרעט מיט איילנדיקע טריט און ציילט איעדן שפּאַן
ער ווייסט, דער וואַלד איז גרויס,
ער ווישט דעם שוויס און גייט און גייט —

ער פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט,
ער הייבט זיך אויף און שפּאַנט
און צייכנט מיט די הענט,
אַ שורה הייזער דאָ, אַ שורה הייזער דאָרט
און אין דערמיט, אַ הויך פיל־שטאָקיק הויז — — — —
זאָל גאָט נאָר געבן כוח,
קאָן מען גאַסן שניידן דאָ, און דאָרטן גיסן וועגן . . .
ער כאַפּט דעם אָטעם קוים:
וויפיל גאָלד עס ליגט אין וואַלד!
עס פאַרדרייט זיך אַזש דער קאָפּ פון אַזאַ פאַרמעגן!
ער אָטעמט אָפּ און טוט אַ זיפץ . . .

חידושן דער דעמב, דער אוראַלטער רויטער בוים,
אַקאַציע און סאָסנע;
די פייגל אין די צווייגן שוויגן שטיל, פאַרוואונדערט:
וואָס לויפט ער אום אַזוי, דער מענטש?
וואָס זיפצט ער דאָרט, וואָס רעדט ער?
— — — — — — — — — — — — —
גיי דערצייל די פייגל און די ביימער,
אַז דער מענטש צעטעכערט שוין דעם וואַלד
אויף ברעטער . . .

5

דער מענטש פֿאַרגעסט זיך געזעגענען מיטן וואַלד

די לעצטע נאַכט אין וואַלד.
מיט אויגן אָפֿן ליגט דער מענטש אויף זיין געלעגער
און ער וואַרט,
עס איז דער שלאָף פֿון אים אַנטלאָפֿן
און עס איז נאָך אַזוי ווייט
ביזן ליכטיקן פרימאָרגן.
עס דרייען זיך אַרום זיין קאָפּ,
ווי וואָלקנס פינצטערע און שווערע,
זאָרגן פֿון דער ווייטער שטאָט — —
עס טוט אַן אומבאַוואוסטע שרעק
אַ פּיק אין האַרץ ביי אים, אין מוח;
ער הערט זיך איין צי שטיקט אים ניט אין ברוסט,
צי טוט ניט עפּעס וויי . . .
ווייל דאָרט אין שטאָט, אין גרויסן גיהנום,
אין גערויש און אין געיעג,
איז דאָך יעדערער פֿאַר זיך.

ער טוט אַ זאָג: עס טאָגט!
און שפּרינגט אַראָפּ פֿון זיין געלעגער.
ער כאַפּט אויף גיך אַרויף אויף זיך די קליידער
און לאַנג נאָך פֿאָרען זיך נערוועז די פינגער
מיט די בענדלעך פֿון די שיך . . .
ער טוט אַ כאַפּ דעם טשעמאָדאַן אין האַנט
און שפּאַנט אָן אַ זיי־געזונט צום באַן — — — —

עס איז דער וואַלד פאַרנומען
מיטן קומען פונעם נייעם טאָג,
מיטן ציען זאַפטן פרישע פון דער ערד . . .
די פייגל האָבן זייערס אויך צו טאָן,
אַז עס הויבט זיך אָן דער טאָג —
אַ נייע זון באַגעגענען,
זוכן עסן, בויען נעסטן פאַרן קומענדיקן דור . . .
האָט קיינער נישט באַמערקט גאָר,
אַז ס'האָט דער מענטש פאַרגעסן זיך געזעגענען . . .
נאָר אַ פויגל דאָ, אַ פויגל דאָרט,
האָבן זיך געחידושט:
וואָס אַנטלויפט ער עס, דער מענטש?
פאַרוואָס קוקט ער זיך ניט אום?
האָבן אָט־די פייגל אים באַגלייט.
איינער האָט אים נאָכגערופן:
מענטש, אָ, מענטש, אָ, מענטש,
אָ, גיי געזונטערהייט!
ס'האָט אַ צווייטער פויגל אים געוואונטשן גליק
אין זיין איילנדיקן גאַנג . . .
און אַ דריטער פויגל האָט געלאַכט:
קום צוריק, קום צוריק, קום צוריק,
ווען וועסט ווערן קראַנק . . .

די נישט-גוטע

סקעב

אַ וואָרט אַזאַ — אַ קרעץ, אַ בייסנדיקע וואונד.
עס וואָלט משוגע־ווילד צערייצט מיין שכנס הונט,
ווען איך רוף אים: סקעב . . .

אַ וואָרט אַזאַ, וואָס ווען עס בלייבט דער סקעב מיט זיך אַליין,
דערהערט ער, ווי זיין בלוט, זיין מאַרך און ביין,
פאַרגייט זיך אין געוויין: סקעב . . .

דו מיינסט די צייט פאַרגייט און מען פאַרגעסט, —
נאָר יעדע צעל ביי דיר אין לייב וועט זיין אַ נעסט
פאַר דעם באַציל, וואָס זעגט און פרעסט: סקעב . . .

וואו דו זאָלסט ניט זיין, ווער עס זאָל ניט שפּאַנען ביי דיין זייט,
ווער עס וועט נאָר עפענען דאָס מויל, וועסטו מיינען, אַז ער שפּייט
אויף דיר און רופט דיך: סקעב . . .

ביזן סוף פון הפקרדיקן לעבן דיינעם וועלן דיך אַזוי,
ווי מיט בייטשן טרייבן דורך אַ פּיקעט־לאַין, קאָסטראַי,
צאָרנדיקע אויסגעשרייען: סקעב! . . .

און ווען עס וועט פון דיר ניט זיין דאָ מער קיין זכר, קיין געביין,
וועט מען זען אין ווערטער־בוך אַ וואָרט אַזאַ, און ניט פאַרשטיין,
צי זיינען טאַקע אויף דער וועלט אַמאָל געווען — סקעבס . . .

דער הפקר־טאַנץ

האָפּ, האָפּ!
אַרום אַ שוואַרצן פייער, אַרום אַ שוואַרצן טאָפּ,
דרייט זיך אין אַ ראָד, דרייט זיך די כאַליאַסטרע
אין אַ קאַראַהאָד . . .
הערט זיך אַזאַ כריפּען, אַזאַ סקריפּען אין געזאַנג,
אַזאַ גיפּטיק שיפּען פון אַ שלאַנג:
האָפּ, האָפּ!
וואַרפט אין טאָפּ אַריין דאָס הייליקע, דאָס ערלעכע, דאָס פרומע,
גייט פאַרביי, טוט אַ שפּיי און מאַכט עס טמא . . .
מישט צוזאַמען גוטס מיט שלעכטס,
ווייל מיר קאָכן, אויף די שוואַרצע פלאַמען,
אין אַ טמא טאָפּ,
אַזאַ הפקרדיק געקעכץ,
דאָס לעבן צו פאַרסמען,
האָפּליאַ,
האָפּ!

פאַררעטער

די גאַסן־פֿרוי פֿאַרדינט איר ברויט אין שאַנד.
זי שאַרט זיך דורך דער נאַכט, ווי אַ שאָטן ביי דער וואַנט,
און ס'איז די ערד צעגליט פֿאַר אירע טריט.
מיט זיין לעבן צאָלט דער מערדער פֿאַר זיין גרויזאַמער טאַט.
יודאַס האָט זיך אויפגעהאַנגען, אויסצוקויפן זיין פאַררעט;
נאָר איר, וואָס האָט דאָס פאָלק פאַרראַטן און פאַרקויפט,
איר שפּאַנט אַרום מיט חוצפּהדיקן טראָט, —
איר קלינגלט צו אין טאַש מיט די דרייסיק זילבערנע מטבעות
און מאַכט דאָס פאָלק נאָך צו געלעכטער און צו שפּאָט.

וואָס לאָזט איר הענגען אַ באַליידיקטן דעם שטריק,
וואָס וואַרט אויף אייך — פאַררעטער!
איר האָט דאָך אַלץ שוין אָפּגעגעבן פאַר די דרייסיק זילבער־שטיק
אייער פ ר י ע ר, אייער א י צ ט און אייער שפ ע ט ע ר.
וואָס נאָך קאָן וועלן דען פון אייך דער רייכער „פעטער"?
וואָלט עפּעס נאָך פון אייך פאַרבליבן, וואָלט עס דאָך די שאַנד פאַרברענט.
וואָס דאַרפט איר הענט? וואָס טויגן אייך די פיס?
אַז סיי־ווי קריכט איר, ווי די ווערים אויף די בייכער

און זענט ווי ווערים מיאוס!

עס האַסט דאָס פאָלק דעם מסור־רענעגאַט.
און דער, וואָס אַרבעט פאַר זיין שטיקל ברויט — צו זאַט
און בויגט ניט זיינע קני פאַרן רייכן האַר
און ווייסט די ווערט פון מי פון ערלעכער,
דער קערט מיט עקל שנעל דעם קאָפּ אַוועק,
ווען אייער מין גייט אים פאַרביי;
ער טוט אַ שפיי, ווען עס דערמאָנט ווער אייער נאָמען,
אַ צווייטער שיקט אייך נאָך אַ קללה
און אַ דריטער ענטפערט: אָמן!...

זיי, וואָס פאַרשווועכן דאָס לעבן

זיי ריידן נאָר פון אמת און פון יושר
און נערן, נערט מען זיך אויף שקר און באַטרוג,
נאָר דער, וואָס נאַרט און פעלשט געשיקטער,
איז גערעכט ביי זיי און קלוג.

דאָס הייליקסטע, איז סחורה צום פאַרקויפן
און ברענגט עס ניט קיין רוח, חוזקט מען דערפון.
און זיי, וואָס מאַכן אַלץ דאָ אומריין,
זוכן פלעקן אויף דער זון —

זיי שפייען אויפן לעבן, אויפן מענטשן
און זיי צעטרעטן אַלץ אין הפקרדיקן גאַנג,
נאָר וויינען, וויינען זיי און קלאָגן
אויפן טויט פון קלאַפּער־שלאַנג . . .

דאָס פאָלק, אין וועמענס נאָמען זיי שווערן,
פאַרקויפן זיי, פאַרראַטן טויזנט מאָל אַ טאָג
און נאָר זיי קלאָגן כלומרשט אויפן חורבן
פונעם פאָלק און נאָר מען קלאָגט . . .

זיי מיינען, אַז דאָס פאָלק איז בלינד און נאַריש.
זיי זיינען טויב אַליין און בלינד צום העלן שיין.
זיי הערן ניט ווי די שטראָמען יאָגן,
וואָס וועלן זיי פאַרטראָגן אין תהום אַריין.

אין ליכט פון טאָג וועט איר פאַרגיין

עך, כאַליאַסטרע, איר סוף־ווינטערדיקע, ברודנע שטיקלעך אייז און שניי,
עס וועט דער שטראָם פון ערב נייער צייט פאַרטראָגן אייך אַראָפּ אין תהום.
אַפּפאַל דינט כאָטש צו באַמיסטיקן דאָס פעלד פאַר פרוכטבאַרן פאַרזיי,
א י ר זענט נאָר אַ שטרויכלונג פאַרן שוואַכנס טריט, איר זענט דעם
קראַנקנס בייזער טרוים.

דאָס לעבן גייט פאַראויס זיך דרייענדיק אין שעפערישן קרייז,
ס'דרייט דער וועג זיך באַרג־אַרויף, ס'איז שווער. דער מוטלאָזער
אַנטלויפט, פאַרשווינדט . . .
דער ערלעכער, דער מיזאַמער, גייט טראָט נאָך טראָט אַרויף,
מיט מי און פלייס,
און ווי צו דעם, וואָס שטעלט זיך אים אין וועג, ער גייט צום ליכט
פון טאָג און ווייסט, אַז ער געווינט.

דאָס לעבן לעבט אייביק *)

מלחמה־באַלאַדע

אין 4 טיילן

*) די באַלאַדע איז געשריבן געוואָרן אין צווייטן העלפט פון **1941**, **ווען** היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

„צוויי פּיינטלעכע טאַנק־אַרמייען, צוויי ריזיקע מעטאַל־אַרמאַדעס, האָבן זיך פאַרמאָסטן איינע קעגן דער צווייטער און זיך צונויפגעשטויסן מיט אַזאַ מוראדיקער קראַפט, אַז דער ערד־קיילעך האָט אַ ציטער געטאָן".

— באַריכט פון שלאַכטפעלד.

פרייד פון זיין און ווערן

1

אין די טיפסטע טיפן פון דער ערד דער גרויסער,
איבער לאַנגע, ברייטע שטרעקעס, דעק אויף דעקן,
זיינען די מעטאַלן אין אַ טיפן שלאָף געלעגן,
ביז דער מענטש געקומען איז פון שלאָף זיי וועקן.

שוין אַזוי געשלאָפן פיל מיליאָנען יאָרן,
נאָר דער מענטש דער גבור אין די אַרבעטס־קליידער,
נעמט ער זיך צו עפּעס, טוט ער עס מיט ליבע,
ווי אַ ייד אַ פרומער, ווען ער טוט אַ נדר.

זיך דערטראַכט און צו דער פּראַצע זיך גענומען,
אויסגעוואָרצלט וועלדער, באַרג און פעלדז געשפּאַלטן,
קעלט און רעגן, שניי און שטורעם — בייגעקומען,
אויסגעטריקנט טייכן, ווילדן שטראָם — פאַרהאַלטן.

אָן אַ צוזאָג, אָן אַ זון און אָן אַ הימל,
נישט געצווייפלט, נישט געחלומט, נישט גענאַרט זיך,
אין זיגזאַגן ביי דעם שיין פון אַ לאַמטערן,
אונטער ערדן דורכגעקראָכן, דורכגעשפּאַרט זיך.

נאָר געפּראַצעט מיט עקשנות, נאָר געגראָבן,
טרעפּ און טרעפּ אַרונטער, לייטער צו אַ לייטער,
זיך אַזוי דערגראָבן, זיך אַזוי דערקליבן
צו די טיפסטע טיפן אין דער ערד דער ברייטער.

2

דעק אויף דעקן, שטרעקעס לאַנגע, מייל אויף מיילן,
זיינען קאַלט און שטום געלעגן די מעטאַלן.
איז דער פּראַצע־מענטש מיט ברכה אויף די ליפּן,
מיט זיין הייסן אָטעם צו זיי צוגעפאַלן.

און גענומען וועקן, רופן זיי צום לעבן,
ווי ער וואָלט דעם סוד פון קראַפט און לעבן וויסן,
מיט זיין ליבּ דעם הייסן האָט ער זיי געוואַרעמט,
מיט די שטאַרקע אָרעמס זיי פון שלאָף געריסן.

זיי פון שלאָף געריסן און צו זיי געטענהט:
העי, איר שטאָפן טויטע, שוין גענוג געשלאָפן!
הערט מיין רוף דעם שטאַרקן, קומט, אָ קומט צום לעבן!
קומט, אָ, קומט צו הילף דעם מענטשן, העי, איר רויע שטאָפן!

קומט צו הילף דעם מענטשן, קומט אים העלפן בויען!
וויפיל איז דער שיעור שטום און ליגן דאָ שטום און שווייגן?
מענטשן דאַרפן אַקערס, מענטשן דאַרפן טראַקטאָרס,
מענטשן דאַרפן שמידן טויזנטער געצייגן.

טויזנטער געצייגן, האַמער, פייל און זעגן,
לעפל, גאָפל, מעסער, טעפּ און טאַץ און פאַנען.
אייזערנע זאַוויעסעס, דראָט און שרויף און בלעכן;
שטאָלענע צילינדערס, ראָד און רעלס פאַר באַנען.

אייזערנע געשטעלן, באַלקנס, זיילן, רערן,
מענטשן דאַרפן הימען, מענטשן דאַרפן הייזער,
שנייד־ און דרעש־מאַשינען, לאָפּעטעס און לאָמען,
מענטשן דאַרפן זייגערס, רעדעלעך און ווייזער.

מענטשן דאַרפן פאָרן, מענטשן ווילן פליען,
ווערט איר זיין דעם מענטשנס פליגל און פּראָפּעלער.
רירט זיך, רויע שטאָפן, אַלערליי מעטאַלן,
פון דעם טויט דעם קאַלטן, קומט צום לעבן שנעלער!

3

האָט זיך אונטער ערדן אין די רויע שטאָפן
ניי־געבוירן לעבן אָנגעהויבן רעגן,
מיט אַ שווער געדרודער האָבן די מעטאַלן
זיך גענומען רירן, רירן און באַוועגן.

שיכט נאָך שיכטן האָבן מיט אַ וואָרף און טרייסל
זיך געריסן פונעם גליווער אויפצואוואַכן.
אויפגעוואַכטע, האָבן זיי מיט טעמפּ געדרודער
זיך אַרויפגעהויבן צו די אויבערפלאַכן.

צו די אויבערפלאַכן פון דער ערד דער גרויסער
פון מעטאַל דערוואַכטן שפּאַרן זיך די קלאַנגען.
ניי־דערוואַכטע כוחות הייבן־אויף דעם מענטשן;
טראָגן אים די קלאַנגען, הימלען צו דער דערלאַנגען.

4

דרייען זיך אין קרייזן
איבער באַרג און טאָל,
נייע קראַפט פון אייזן,
נייער קלאַנג פון שטאָל.

קלינגען די מעטאַלן,
יונג און פריש און ניי.
הייבן זיך און פאַלן
קופּער, צין און בליי.

גאָלד און זילבער — שטראַלן,
דימענט — ברענט און לעשט.
מיט אַ פריילעך שאַלן
יובלט־אויף דאָס מעש.

מיט אַ טעמפּן ברומען,
און מיט שווערע טריט,
שיכט נאָך שיכטן קומען
דונערט זייער ליד:

אַלץ וואָס ליגט פאַרשטיינערט,
אַלץ וואָס ליגט פאַרשטאַרט,
ליגט אין אַנגסט געהיימער,
ליגט אין אַנגסט און וואַרט.

פראַצע־מענטש דער ליבער,
קומען זאָל צוגיין,
וועקן פונעם גליווער,
וועקן שטומען שטיין.

אַלע גאַרן וואַך זיין,
מענטש און בוים און זאַך.
טייל פון לעבנס פראַכט־זיין,
גוט צו זיין איז — וואַך.

מיר, דערוואַכטע קרעפטן,
ווילן זיין און טאָן,
זיך מיט אַלץ באַהעפטן.
הערט, מיר קומען אָן!

פרייד פון זיין און ווערן,
אין אַ גוטער שעה!
הימל, ערד און שטערן —
ווייסט, מיר זיינען דאָ!

מענטשנס וואונטש דערפילן,
פּראַצע־מענטש, וואָס שאַפט,
האָר פון קראַפט און ווילן,
נאָ דיר אונדזער קראַפט!

אין לאַנד פון יום־טוב

5

אין אַ לאַנד פון פרייע ריזן און טיטאַנען,
אין אַ לאַנד פון יום־טוב, ברויט און ווײַן און חלה,
וועמענס נאָמען ס'איז ניט נײטיק צו דערמאָנען,
ווײַל פון יענעם לאַנד דעם נאָמען ווייסן אַלע —
דאָרטן איז אַזאַ מין פײַער־שטאָט פאַראַנען.

אין דעם לאַנד פון מענער און פון פרויען בראַווע,
וואו דאָס לעבן איז דער שומר דער געטרײַער,
און די קינדער לעבעדיקע, זשוואַווע;
דאָרטן, אין אַ ריזן־שטאָט פון פלאַם און פײַער,
שמעלצן זיך מעטאַלן אין אַ פײַערדיקער לאַווע.

פלאַמען שפּאַרן צו די הימלען מיט אַ קנאַלן.
פול די לופט איז מיט פאַנטאַסטישע געשטאַלטן.
טײַכן לאַווע קאָכן, ברויזן הויך און פּראַלן.
דאַכט זיך, קיינער, קיינער וועט שוין ניט פאַרהאַלטן
אַזאַ לאַווע־ים צעשמאָלצענע מעטאַלן.

נאָר די מענטשן דאָרטן אַרבעטן צוזאַמען,
שפּאַנען פלינק און שטרעקן לאַנגע, שטאַרקע אָרעמס.
פײַער־קאַפּיטאַנען די מעטאַלן צאַמען,
טרײַבן טײַכן לאַווע אין מיליאָנען פורעמס,
אין מיליאָנען פורעמס, אין מיליאָנען ראַמען.

6

טאָג און נאַכט און נאַכט און טאָג אַזוי דורך יאָרן,
האָט די פייער־שטאָט ניט אויפגעהערט צו שמעלצן,
פורעמען און גיסן; קיין מעטאַל ניט שפּאָרן —
אויסגעגאָסן רעדער און מיליאָנען רעלסן,
כלים און געצייגן, שרויפן און מאָטאָרן.

עקסקאַוואַטאָרס, באַנען, שיפן, עראָפּלאַנען,
טעלעסקאָפּן, אינסטרומענטן און שפּאַקטיוון;
פעלד־געצייגן, שער און נאָדל, פאַס און קראַנען;
שטאָל און אייזן־קאַסעס פאַר דעם לאַנדס אַרכיוון,
פאַרן מענטשנס נוצן אַלץ איז דאָ פאַראַנען.

קאַפּיטאַנען פירן שיפן איבער ימען,
אין די פאַרקן שפּילן זיך די קליינע קינדער.
יוגנט איילט זיך צו די קורסן ניט פאַרזאַמען,
דאָס נאָך־ניט־אַנטפּלעקטע זוכן די דערפינדער,
שילער שפּילן אויף די פּיאַנאָס אויס די גאַמעס.

בויער בויען, די ברוקירער שפּרייטן וועגן.
און דער פויער נעמט דאָס ברויט אַריין אין שייער,
מוזיקאַנטן סטראָיען פידלען, פויק און פלייטן,
אַלץ פאַר יעדן איז דער סדר דאָ דער נייער —
אַלץ פאַר יעדן איינעם — איינער פאַרן צווייטן.

7

אַלץ, וואָס ווערט באַשאַפן, ווערט געבוירן גערן.
אַלץ, וואָס איז און ווערט, איז לעבן די כוונה.
פּען האָט ליב צו שרייבן, שער האָט ליב צו שערן.
פון דעם שווערסטן האַמער ביז דער דינסטער סטרונע
זיינען ביי זיך וויכטיק, ווי די זון און שטערן.

לעבן איז אַ פרייד און גוטסקייט אַ געוואוינהייט.
מענטש און זון און ערד און הימל, די פּלאַנעטן —
אַלץ צונויפגעוועבט איז אין לעבנס־איינהייט.
ניט קיין נאַכט, נאָר טויזנט־פאַרביקע ראַקעטן,
פּילן אָן דעם רוים מיט פּיל־קאָלירנדיקער שיינקייט.

ווער־זשע וועט אַ רגע לעבן דען פאַרלירן,
ווען די מענטשן האָבן אַלץ וואָס זיי באַדאַרפן?
פאַרביק שפּילט דאָס לעבן — טויזנטער קאָלירן —
דאַכט זיך, אַז די סטרונעס פון מיליאָנען האַרפן,
פידלען און וואַיאָלעס שפּילן און ווייברירן.

8

האָט זיך עס צעקלונגען איבער וועלט דער ברייטער,
פרייד און גליק דערהערט זיך, פרייד און גליק צעשפּרייט זיך.
ווער ס'איז רייך דערשרעקט זיך, אָרעמער דערפרייט זיך.
שעלט מיט גאַל דער ערשטער, בענטשט און האָפט דער צווייטער.

אין אַ וועלט — צעטיילט אויף שוואַרצע, געלע, ווייסע,
מענטשן, צוגעוואויינט צו לאָזן זיך באַרויבן,
שווער איז זיי אין לעבנס־גליק און פרייד צו גלויבן —
איינער זאָגט: אַ וואונדער, צווייטער זאָגט: אַ מעשה.

מעשה, צי אַ וואונדער, עפּעס האָט געטראָפן.
אין דעם יאָך דעם שווערן מענטשן זיך פאַרקלערן.
מוטיק דער באַרויבטער הויבט זיך אָן צו ווערן.
דער, וואָס ליגט צעטראָטן, האָט אויף וואָס צו האָפן.

ווער עס גייט אין לעבן מיטן קאָפּ געבויגן,
ווער אַ ניט־געלעבטער גייט שוין באַרג אַרונטער,
גלייכט ער אויס דעם רוקן, הייבט דעם קאָפּ אויף מונטער;
צו דעם לאַנד דעם ווייטן ווענדט ער זיינע אויגן.

שלעכטע זאָגן: נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.
און די לאַנג־גענאַרטע צווייפלען נאָך און פרעגן,
ס'איז זיי שווער צו גלויבן, אַז פון זייערט־וועגן
שפּילט דאָרט טויזנט־פאַרביק לעבנס רעגנבויגן.

אין לאַנד פון טויט

9

ס'איז אַן אַנדער לאַנד פאַראַנען,
וואו די ערד איז גיהנום און דער הימל — בראַנד;
אויף קיין ערד־טייל זינט עס איז די וועלט אַנטשטאַנען
איז נאָך ניט געווען אַזאַ פאַרשאָלטן לאַנד;
דאָרטן הערשט דער ערגסטער פון דער וועלטס טיראַנען,
ברענגט ער אויף די מענטשן אומגליק נאָר און שאַנד.

איז דער בייזער הערשער לעבנס גרעסטער שונא,
און דעם הערשערס בעסטער שותף איז דער טויט,
טויט אין שוואַרצן, דער טיראַן טראָגט קליידער ברוינע,
ביידע הערשער גלייכע, איינס דעם צווייטן טרויט.
ניט געווען נאָך קיינמאָל שותפים צוויי אַזוינע,
אין אַ לאַנד פון אומגליק, אין אַ לאַנד פון נויט.

האָבן ביידע שותפים דאָרט, אין לאַנד אין יענעם,
ריזן־גרויסע פייער־אויוונס איבעראַל.
אין די אויוונס קנאַלט דאָס פייער, ברענט דער גיהנום.
ביי די אויוונס מחנות הענקער מיט געשאַל,
רשעותדיקע, ווילדע, שענדן זיי, פאַרשעמען,
פון דער ערד די רויע שטאָפן — — ערדס מעטאַל.

דאַכט זיך, פון די פלאַמען גרייפן פינגער קרומע,
און עס הערט זיך, ווי אַ קריצעניש פון ציין
טראָגט זיך פון די לאַווע־שטראָמען, זיפצן שטומע,
זיפצן שטומע, און אַ קרעכצן, אַ געוויין:
ווי איז אונדז, מעטאַלן, וואָס מיר ווערן טמא,
בעסער וואָלטן מיר פאַרבליבן טויטער שטיין.

10

טויט און הערשער רייבן זיך די הענט צופרידן,
און העוויות קרומע מאַכן זיי דערביי,
איינער שעלט דאָס לעבן, צווייטער שעלט די יידן;
ביידע טוען אין דעם לאַווע־פלאַם אַ שפּיי,
הויבט די לאַווע אָן מיט האַס און סם צו זידן,
שווערן ביידע איינס דעם צווייטן בלייבן טריי.

רופט אויס איינער: קראַ־קראַ! און דער צווייטער: האַיל־האַיל!
איינער מאַכט אַ צייכן און אַ צווייטער שווערט:
אויסצוראָטן מענטשן־לעבנס אין מיליאָנען,
אַלץ פאַרניכטן איבער גאָר דער ערד.
ניט קיין טראַקטאָרס וועט מען גיסן, נאָר קאַנאָנען,
ניט קיין זעג און האַמער, נאָר די ביקס און שווערד.

ניט קיין פידל־טענער, ניט קיין האַרפּן־קלאַנגען,
נאָר גסיסה־קרעכצן, זיפץ איז אונדזער ליד.
נישט קיין גאָפּל, מעסער, — שפּיזן נאָר און צוואַנגען
ווערן דאָ געגאָסן, ווערן דאָ געשמידט.
האַק און האַקנקרייצן, שטאָל פאַר תליה־שטאַנגען —
פאַרן קריסט פאַרהאַסטן, פאַרן מיאוסן ייד.

נישט פאַר פעלד־געצייגן, נישט פאַר פליטן,
ווערט ביי אונדז געגאָסן דאָס מעטאַל־געגאָס.
הענט און פיס צו שמידן גיסן מיר דאָ קייטן,
גראַטעס פאַר די טורמעס, שווערן תפיסה־שלאָס.
ניט צום שפּילן אינסטרומענטן, קיין טרומפייטן,
אונדזער צייט־פּאָרטרייב איז מענטשלעכער פאַרדראָס.

נישט קיין תבואה, — מענטשן־לעבנס וועט מען דרעשן.
קינדער וועט מען נערן נאָר אויף בליי און שרויט,
יעדן פונק פון לעבן וועלן מיר פאַרלעשן
און צעשטערן נאָר וואָס דאָס לעבן בויט.
שטאָל און אייזן, גאָלד און זילבער, קופּער, מעשן, —
דינען וועט דעם הערשער, דינען וועט דעם טויט.

מיר באַשווערן און פאַרשעלטן אייך, מעטאַלן,
אין דער לאַווע, אין דעם גיהנום, וואָס דאָ ברענט:
ווי ראַבאָטן זאָלט איר לעבנס־לאַנד באַפאַלן,
אַלץ חרוב מאַכן ביז דעם פונדאַמענט.
שטיקער רייסט פון לעבן, וואַרפט עס די שאַקאַלן,
פאָלק נאָך פאָלק פאַרטיליקט, לאַנד נאָך לאַנד פאַרלענדט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביי די אויוונס מיט מעטאַל פאַרסמטן און געשענדטן,
זיצן טויט און הערשער, אין דער שוואַרצער נאַכט.
אונטער האַלאָוועשקע־הימל, קויל־פאַרברענטן,
האָבן זיי דעם פלאַן און חשבון שוין געמאַכט.
אין אַ לאַנד אַ ווייטן שפּילן אינסטרומענטן,
ערגעץ ווייט־ווייט האָט אַ פויגל זיך צעלאַכט.

דער אָנפֿאַל אויפֿן לעבן

11

טראַט־טראַט, טראַט־טראַט, טרעטן, טרעטן, טרעטן,
אַ מיליאָן ראָבאָטן טרעטן שטום און שווער.
טויט באַפֿעלט און הערשער גיט דעקרעטן.
קיינער פֿרעגט ניט, קיינער ווייסט ניט וואָס און ווער.

אין דער דיקער, שוואַרצער נאַכט פֿאַרהוילן,
אָן אַ זין, אָן ווילן, ווי דער טויט ברוטאַל.
ס׳האָט דער הערשער, ס׳האָט דער טויט באַפֿוילן,
שפּאַנט דער גולם, שפּאַנט פֿאַרשאָלטענער מעטאַל.

דאָס געדריי פֿון רעדער, רעדער, רעדער,
מישט זיך מיט דעם שווערן, טעמפּן טראָט פֿון טריט,
טויזנטער קאַנאָנען, אָנגעלאָדן יעדער,
טאַנקען שווערע פֿירן טאָנען דינאַמיט.

שאַרן זיך און שפּאַרן שטומע רייען.
דאַכט זיך : אין דער נאַכט עס גייען וואָגנט נאָך וואָגנט,
בייזער הערשער שיקט דעם טויטס אַרמייען
אומדערוואַרטעט צו באַפֿאַלן לעבנס־לאַנד.

צו דער גרענעץ ציען די קאָלאָנען,
איינגעהילט אין נאַכט און שטויב, אין גאַז און רויך,

גרייט אויף רויב עס ציען די וואַגאָנען.
באָמבע־וואַרפער פליען אין די וואָלקנס הויך.

אַלץ איז גרייט צו טויטן און פאַרניכטן.
מענטשן צו די טויט־מאַשינען צוגעקייט.
אַלץ איז גרייט אויף אָנפאַל אומגעריכטן,
קעגן לאַנד פון לעבן גייט דאָס לאַנד פון טויט.

12

האָט אַ האָן זיך הויך צעקרייעט,
האָט זיין קאַם זיך פייער־רויט צעגליט.
וואו אַן אָדלער, וואו אַ פויגל,
צו דעם וויטן לאַנד פון לעבן — פליט.
טראָגט אַ וואָרענונג דער שטורעם:
— היט זיך, לאַנד פון לעבן, היט זיך, היט!

טראָגן זיך אין לאַנד סיגנאַלן,
טוט דאָס גאַנצע לעבן זיך אַ ריס,
אַלץ געגרייט איז קעגן שונא;
מענטשן, ז אַ כ ן , אַלץ וואָס לעבט און א י ז ,
פעלקער, יונג און אַלט צוזאַמען,
יעדער פרומער ייד און פרומער קריסט.

די מאַשינען און געציַיגן,
טראַקטאָרס, האַמערס, זיילן, זעג און רעדער,
איילן צו די פייער־אויוונס,

שנעל זיך איבערשמעלצן אין געוועוער.
די בנינים, טייכן, וועלדער,
אַלץ און אַלע ווייסן, וואָס און ווער.

איבער די מיליאָנען מיילן
יעדער טראָט באַזונדער וואַכט און היט.
וואו דער שונא וועט זיך שטעלן,
וועט די ערד, ווי לאַווע, זיין צעגליט.
פון דעם שונאס בערג מיט ברוכוואַרג
וואָפן וועט דאָרט ווערן אויסגעשמידט.

פון דער וועלט אין אַלע טיילן,
ווער עס ווייסט פון לעבן נאָר דעם זין,
שיקט זיין הילף צום לאַנד פון לעבן,
גלויבט אין לעבן, האָפט אויף לאַנדס געווין.
נאָר עס פרייען זיך היענע,
די שאַקאַלן, קלאַפּער־שלאַנג און שפּין.

דאָרט וואו מענטש איז נאָר פּאַראַנען,
דאָרט וואו לעבן לעבט און אָטעמט נאָך;
ווער עס שלעפט די לאַסט פּאַר יענעם,
ווער עס גייט געשפּאַנט אין שווערן יאָך,
טראָגט זיין הילף צום לאַנד פון לעבן
יעדע פרייע רגע פון דער וואָך.

13

ס'האָט דער שונא זיך געוואָרפן אין אַטאַקע,
שווערע טריט גענומען שטעלן איבער ערד און טייך און בריק —
האָט מיט בליץ און דונער זיך די שלאַכט צעפלאַקערט,

לעבן זוכט קיין קריג ניט, נאָר אויב קריג איז — זאָל זיין קריג.
קיינער קאָן אַזוי ניט שלאָגן, ווי דאָס לעבן שלאָגט צוריק.

האָבן צוויי מעטאַלן, שונאים, זיך אין שלאַכט באַגעגנט.
איינער שלאָגט זיך פאַרן לעבן, צווייטער גייט אויף רויב־באַפאַל,
האָט מיט הייסן שטיין און שטאָל צעשמאָלצענעם גערעגנט,
הימלען האָבן זיך געשפּאָלטן פון געבליץ און דונער־קנאַל.
ס'האָט די ערד געציטערט, ווען מעטאַל געשלאָגן האָט מעטאַל.

צוויי אַרמאַדעס אין געראַנגל. צווייערליי מעטאַלן.
איינער קלינגט מיט קלאַנג פון גלעקער, צווייטער מיט אַ קללה קראַכט.
איינער שוואַרץ און פינצטער, צווייטער ווי די זון וואָלט שטראַלן.
שטאָל מיט שטאָל, אין טאָג און נאַכט געראַנגל, פירן שלאַכט נאָך שלאַכט.
שטאָל פון שונא שלאָגט און שעלט זיך, שטאָל פון לעבן שלאָגט און לאַכט.

ציילט און מעסט דער שונא זיינע טאַנקען, ביקסן, שטאָפן,
ווי דער מערדער ציילט אין טויטן־קאַמער זיינע לעצטע שעהען.
רויב־באַפאַל אויף פרעמדע אוצרות איז זיין איינציק האָפן.
אויב די שלאַכטן ער געווינט ניט, הויבט זיין בייזער סוף זיך אָן.
מיט אַזאַרט פון קאַרטן־שפּילער האָט ער אַלץ געשטעלט אין קאָן.

14

ווערט פאַרצווייפלטער דער שונא, וואָס די שלאַכט געדויערט,
לעבן ציט די צייט, ווי מען פאַרציט אַרום אַ האַלדז אַ שטריק,
לעבנס צייט איז אייביק, שלאָגט עס זיכער און מיט דויער,

יעדער טראָט — אַ נײַ געראַנגל, טראָט פֿאָראויס און טראָט צוריק.
שונא שלאָגט זיך רויב צו רויבן, לעבן — פֿאַרן מענטשנס גליק.

לעבן איז אומענדלעך, דאַרף ניט מעסטן, דאַרף ניט ציילן.
לעבן קאָן דערלאַנגען און עס קאָן אויך בעמען שווערע קלעפּ.
קלעפּ פֿאַרגייען, וואונדן — וועלן מיט דער צייט פֿאַרהיילן,
זיך פֿאַרהיילן און פֿאַרוועבן אין דעם לעבנס גרויס געוועב,
מענטש און וועלט און גליק און פֿרייהייט — דאָס געוועב, וואָס אייביק
לעבט.

אינהאַלט:

I

ס'איז גוט צו זיין — און איך בין דאָ

לעבן — — — — — — — — 7
ס'איז גוט צו זיין — און איך בין דאָ — — — — — — — — 8
ערד — — — — — — — — 11
דאָס ליד פון אייביק גוטן — — 12
דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה — — — — — — 13
גליק־לאַנד — — — — — 14
דער אייביק־ליכטיקער שטראַל 15
מיר — — — — — — — — 16
דער גוטער — — — — — — 17
דאָס לעבן רעדט צו מיר — — 18

II

דו ביזט מיין פאָלק, ווי די פרייהייט — אייביק

דאָס לעבן ווייזט — — — — — 23
אַ באַלאַדע פון אַ שיף מיט יידן 24
אונדזער גרויסער ברודער — 27
וואָס וואַרטן מיר? — — — 28
שלום־שלום — — — — — — 30
דער רעגנבויגן האָט זיך פאַרשעמט — — — — — — 33
לובלין — — — — — — — — 36
דער פליכטלינג האָט געוויינט 40
דוד און גלית — — — — — — 42
דיינע שונאים — — — — — — 44

III

סאַן־פראַנציסקאָ

1) שטאָט פון ערב־פרידן

דו אויסדערוויילטע מזלדיקע שטאָט — — — — — — 47
טויבן אין די נישעס, טויבן אין די סקווערן — — — 48
בשורה־צייט — — — — — — 49
עס קומט די וועלט צו דיר צוגאַסט — — — — — — — 51
אונדזער פאָן — — — — — — 53

IV

סאַן־פראַנציסקאָ

2) מיין היים, מיין שטאָט

דו ריזן־קינד פון ים און בערג 59
מיין שטאָט, מיין היים — — 61
אין לאַנד פון זיווג און פון ליבע — — — — — — 62
דער ים ביי דיינע ברעגן — — 63
„סטוידן גראָוו" — — — — — 65
„קעיבל־קאַר" — — — — — 69
אַלקאַטראַז — — — — — — 71
„טאַקראַקים" — — — — — — 74
דאָס ליד פון דיין אַמאָל — — 76
וואו זיינען דיינע טויבן, סאַן־פראַנציסקאָ? — — — 79

V

פעטאַלומער יידן

— — — — — — — — — 83

VI

פאַרשיידענע לידער

דערפאַר וואָס ביזט גערעכט — ביזטו שטאַרק — — — — — 89
דער יושרדיקער וועלט אַנטקעגן — — — — — — 92
יעדנס יום־טוב — — — — — 93
די שבועה — — — — — — — 94
לאַנדסלייט — — — — — — 95
דאָס ליד פון דעם שיכור — 97
דאָס ליד פון לייב — — — — 98

VII

יונגוואַרג

דער גוטער אייב — — — — — — 101
אַמאָל איז געווען און אויך איצט
זיינען דאָ — — — — — — — 113
פרילינג־פסח־יום־טוב־מאַי — 115

VIII

עס קומט אַ מענטש אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען

עס ווייגט דער מענטש—ער קען
נישט אָטעמען — — — — — 119
וואָס האָט מען פון דעם לעבן
דאָרט געמאַכט? — — — — 121
דער מענטש חלומט אין וואַלד
פון דער גרויסער שטאָט — 123
דער מענטש באַטראַכט צום
ערשטן מאָל דעם וואַלד — 125
דער מענטש פאַרגעסט זיך
געזעגענען מיטן וואַלד — 127

IX

די נישט־גוטע

סקעב — — — — — — — — 131
דער הפקר־טאַנץ — — — — — 132
פאַררעטער — — — — — — 133
זיי, וואָס פאַרשוועכן דאָס לעבן 135
אין ליכט פון טאָג וועט איר
פאַרגיין — — — — — — — — 136

X

דאָס לעבן לעבט אייביק

פרייד פון זיין און ווערן — — — 139
אין לאַנד פון יום־טוב — — 145
אין לאַנד פון טויט — — — — 149
דער אָנפאַל אויפן לעבן — — — 153

* * *

איך דערמאַן דאָ מיט דאַנק די נעמען פון אַ צאָל פריינט, לייענער פון יידישן בוך אין סאַן־פראַנציסקאָ, פּעטאַלומע, און אוקלאַנד, קאַליפאָרניע, וועלכע האָבן צוליב דער איניציאַטיוווע און די באַמיאונגען פון מיין גוטן פריינט דעם קולטור־טוער ראובן קליין, מיט דער הילף פון די קולטור־טוער, מיינע פריינט רוביני, און ס. פרידמאַן פון סאַן־פראַנציסקאָ, פישמאַן פון פּעטאַלומע און טש. פרידמאַן פון אוקלאַנד, געהאָלפן דעם „איקוף" ארויסגעבן מיין בוך לידער.

פון סאַן־פראַנציסקאָ : די קליינס, סטיינס, גיטע לינדאָו (אין נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן ג. לינדאָו), ה. שעכטער, י. רוביני, געווירצעס, גראָוס; פרידמאַנס, דינק און פרוי, ל. רובין, האָפמאַנס, ראָס'עס; קאַבליקס; וואָרבינס; ביבלס; י. האַלקין, ה. לייבאָוויץ און בינעמענס.

פון אוקלאַנד: די פרידמאַן פאַמיליע, די ראָזנס, די באַריקס, מ. טורבאָווסקי.

פון פּעטאַלומע: די סאַראַקערס, עוועלין קאַלמאַן, די פישמאַנס, די נאָוויקס, מ. שערמאַן, ראַבינאָוויץ, אייזענשטיין, די וועססס און שוואַרץ, הירש און פיינשטיין פון ל. א. און נאָך אַ צאָל לייענער, וועלכע האָבן זיך אין פאָראויס אָבאָנירט פאַרן בוך.

אַ דאַנק אויך דר. קאַלב און זיין פרוי פון ס.פ. אין וועמענס הויז עס איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע פאַרלייענונג פון מיינע לידער, וואָס דערשיינען דאָ אין בוך.

ד ע ר   מ ח ב ר .